בס"ד

שנה ה'
פרשת
חקת
נומער 271

# קרית ברסלב בלעטל


שטעטל נייעס
געשמאקע חיזוק
יעדן ליל ששי

כאפ דעם ברעטל
ישראל דוד העסקעל

הויכע לעקציעס
שמואל אייכנשטיין

א יאר פארדינסטן
פון די גאנצע וועלט
גרשון קרעמער


# א מוחי' צווישן די ביימער

א מענטש וואס
לערנט גמרא וועט
ארויס גיין פון
זיינע חובות, ער
וועט ווערן
רייך.
עצתו אמונה
וישלח תשע"ח



קרית ברסלב בלעטל

פרשת חקת תשפ"ה • 271

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ




# א גריס פון די בערג
4



# א גוטע נאכט
16



# פרעשער-לאז אין מעקסיקאו
12


4 שטעטל נייעס
11 אלץ און אלעמען
10 מעשיות פון תפילה
25 א סעודה מיטן ר"ר

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

**זמנים**
חקת ט' תמוז

הדלקת הנרות . 08:18
מוצאי שבת ..... 09:48

**מנחה מעריב**
**פרשת בלק 9:30**












העדש פארנד מענעדשער

ווער איז א גוטע
העדש פאנד מענעדשער?

פארוואס דארף איינער
שפילן מיט דיין געלט?

ווי אזוי פלאנצט מען געלט
אז ס'זאל וואקסן?

וואס איז א גוטע ריטורן
אויף מיין געלט?

# ווער שפילט מיט דיין געלט?

אינוועסט
אינוועסט ריכטיג!

investsright.com

*sruliHeskel

נסיעה
טרעוועל

# לחיים ולשלום פעלי'ט אלעס גוטי'ס!

אייער פרייז, אלי קנאלל - שוין פיינער

845.444.TRVL
8785

nesiahtravel.com

## נסיעה טשארטער



# דעטאלן וועלן נאכפאלגן קומענדיגע וואך אי"ה

## טשארטער

פולין ↓

נסיעה #7 | Austrian Airlines | עקאנאמי

די וועג צום רבין

| דאנערשטאג | | פרייטאג |
|---|---|---|
| Sep. 18 - 3:45pm | 1h 55min. Stop | Sep. 19 - 8:50am |
| JFK | Frankfurt (FRA) | Warsaw (WAW) |

די וועג אהיים

| דאנערשטאג | | דאנערשטאג |
|---|---|---|
| Sep. 25 - 2:50pm | 30min. Stop | Sep. 25 - 8:10pm |
| Kraków Airport (KRK) | Zurich Airport (ZRH) | Newark Airport (EWR) |

$975 | טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל

*sruliHeskel

נסיעה
ט ר ע ו ו ע ל



# ווי אזוי פארסטו צום רבין?

*sruliHeskel

# גרופ טיקעטס

נוסעים לרבינו
אומאן תשפ״ו

## מאלדאווע ↓

**נסיעה #1** | Turkish Airlines | עקאנאמי

די וועג צום רבין
- מוצאי שב״ק — Sep. 21 - 12:25am — Newark Airport (EWR)
- 1.5h Stop — Istanbul (IST)
- זונטאג — Sep. 21 - 8:25am — Chisinau International (RMO)

די וועג אהיים
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 10:00am — Chisinau International (RMO)
- 2h Stop — Istanbul (IST)
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 5:30pm — JFK

$1285 — טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל ✓

**נסיעה #2** | Turkish Airlines | עקאנאמי

די וועג צום רבין
- מוצאי שב״ק — Sep. 21 - 12:25am — Newark Airport (EWR)
- 1.5h Stop — Istanbul (IST)
- זונטאג — Sep. 21 - 8:25am — Chisinau International (RMO)

די וועג אהיים
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 3:40pm — Chisinau International (RMO)
- 1h 10min Stop — Istanbul (IST)
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 10:40pm — Newark Airport (EWR)

$1350 — טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל ✓

**נסיעה #3** | Turkish Airlines | ביזנעס

די וועג צום רבין
- מוצאי שב״ק — Sep. 21 - 12:25am — Newark Airport (EWR)
- 1.5h Stop — Istanbul (IST)
- זונטאג — Sep. 21 - 8:25am — Chisinau International (RMO)

די וועג אהיים
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 10:00am — Chisinau International (RMO)
- 2h Stop — Istanbul (IST)
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 5:30pm — JFK

$5304 — טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל ✓

## מאלדאווע ↓

**נסיעה #4** | Turkish Airlines | ביזנעס

די וועג צום רבין
- מיטוואך — Sep. 18 - 12:25am — JFK
- 1.5h Stop — Istanbul (IST)
- דאנערשטאג — Sep. 18 - 8:25pm — Chisinau International (RMO)

די וועג אהיים
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 3:40pm — Chisinau International (RMO)
- 1.5h Stop — Istanbul (IST)
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 10:30pm — JFK

$4700 — טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל ✓

**נסיעה #5** | LOT Polish Airlines | עקאנאמי

די וועג צום רבין
- מיטוואך — Sep. 17 - 5:45pm — JFK
- 1h 45min. Stop — Warsaw (WAW)
- דאנערשטאג — Sep. 18 - 1:50pm — Chisinau International (RMO)

די וועג אהיים
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 2:35pm — Chisinau International (RMO)
- 2h Stop — Warsaw (WAW)
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 8:50pm — Newark Airport (EWR)

$1475 — טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל ✓

## פולין ↓

**נסיעה #6** | LOT Polish Airlines | עקאנאמי

די וועג צום רבין
- מיטוואך — Sep. 17 - 5:45pm — Newark Airport (EWR)
- 2h 15min. Stop — Warsaw (WAW)
- דאנערשטאג — Sep. 18 - 11:20am — Rzeszów (RZE)

די וועג אהיים
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 2:35pm — Chisinau International (RMO)
- 1h 25min. Stop — Warsaw (WAW)
- דאנערשטאג — Sep. 25 - 8:20pm — JFK

$1475 — טראנספארטאציע אפציעס אוועילעבל ✓

# ברוכים הבאים צום פרישן זומער סעזאן

א פרישע זומער סעזאן האט זיך ברוך השם אנגעהויבן, עס זעט זיך שוין אן די פילע געסט וואס זענען געקומען פון שטאט ווילן אינעם שאטן פונעם נאטור וואס דער אייבערשטער האט אונז באשאפן אזוי הערליך שיין, כדי הנאה צו האבן דערפון און שפאצירן צווישן די גראז רעדן צום אייבערשטן מיט א געשמאק.

דער ראש ישיבה מיט די בחורים און די משפחות זענען ארויסגעקומען אויפן זומער. יעדן אינדערפרי 8:00 אזייגער לערנט דער ראש ישיבה פאר דעם דף גמרא שיעור אינעם וואלד וואס ווערט גערופן גן עדן התחתון, וויבאלד דאס איז טאקע ממש א גן עדן צו זיצן אינטערן בוים און לערנען א בלאט גמרא, דערנאך הערט מען פונעם ראש ישיבה די חיזוק און עצות וואס מען נעמט ארויס פונעם בלאט גמרא לויט די לימודים פונעם הייליגן רבי'ן.

אזוי אויך האט זיך אנגעהויבן די זומער ביי די אינגלעך און ביי די מיידלעך, שוין א לאנגע צייט וואס מען גרייט זיך שוין צום זומער, אנצוגרייטן פאר די קינדער זיי זאלן קענען אנפילן די זומער חדשים ווי עס דארף צו זיין.

דאס יאר איז צוגעקומען א פרישע חידוש ווען מ'האט אויפגענומען א ראש מדריכים אנצופירן די קעמפ מיט די חשובע ברסלב'ע אינגלעך.

עס איז געווארן צוגעגרייט אסאך פרישע געדאנקען וויאזוי מ'וועט נעמען די לימודים פונעם רבי'ן און עס אריינלייגן אין די קינדער בשעת'ן עסן, בשעת'ן שפילן און אזוי ווייטער.

אזוי אויך ווירבלט די שול מיט פילע מנינים, יעדע האלבע שעה במשך די צופרי שעות שטעלט זיך א פרישע מנין, דאס גייט אזוי ביז חצות.

דא איז טאקע די פלאץ צו מקבל פנים זיין דעם נייעם שמש וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגענומען - מו"ה ישראל פוקס הי"ו, וואס ער פירט אן מיט די מנינים, א דאנק אים שטעלט זיך יעדע האלבע שעה א מנין, וואס דאס איז א געוואלדיגע אויפטון אז יעדער אינגערמאן זאל קענען דאווענען מיט מנין, און מיט דעם פאלגן די צדיקים וואס זאגן אונז אז דאס איז פון די יסודות פון אידישקייט.

אזוי אויך איז צוגעשטעלט א גרויסע נייע מקוה, וואס פארגרינגערט פיל דאס גיין אין מקוה, ווייל מקוה ברענגט טהרה אויפן מענטש.

אין די טעג ארבעט מען אהערצושטעלן די שמש שטיבל וואס וועט פארקויפן אלע קלייניגקייטן וואס פעלט זיך אויס.

דער אייבערשטער זאל העלפן די זומער זאל זיין די ריכטיגע הכנה צום נייעם יאר וואס קומט שוין אט אט.





# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## שלום אין מיטל מזרח ראיאן

נאך כמעט צוויי וואכן פון מלחמה, האט פרעזידענט טראמפ אויסגערופן אז א פייער שטילשטאנד אפמאך איז דערגרייכט געווארן צווישן די קריגערישע צדדים, און עס איז ברוך השם צוריק געשטעלט געווארן רואיגקייט אין מדינת ישראל, די געשעפטן עפענען זיך צוריק אויף, פליגערס הייבן זיך שוין פונעם לופטפעלד, און שמחות און גרעסערע פארזאמלונגען קענען שוין ווידער פארקומען ברוב עם.

דורכאויס דעם קריג זענען געפלויגן טויזנטער מיסלס און באמבעס צווישן די לענדער אינעם מיטל מזרח, די לופט פארטיידיגונס האבן געארבעט אווער טיים און אראפ געשאסן א גרויס חלק דערפון ב"ה, אמעריקע האט זיך אריינגעמישט און געשיקט פליגערס און באמבעס וואס נאך זיי פארמאגן צו צושטערן איראנ'ס נוקלעארע חלומות.

דורכאויס די כאאטישע צוועלף טעג האט איראן געליטן גאר גרויסע שאדנס צו אירע מיליטערישע עקוויפמענט, זייערע פליגער און פארטיידיגונגס מיטלען אויף וואס זיי ארבעטן שוין פערציג יאר, ליגט יעצט פארברענט אין אש און לויט באריכטן האבן זיי שוין זייער ווייניג פון זייערע באמבעס איבערגעבליבן.

יעצט האט זיך שוין די מלחמה געענדיגט ב"ה, די מצב איז צוריק רואיג, אבער מיט וואס זענען מיר געבליבן?

פילע געביידעס פארניכטעט, הונדערטער מענטשן זענען מער נישט ביים לעבן, פילע מענטשן האבן דערלייגט זייערע הייזער מיט זייער גאנצע האב און גוטס. איראן ווערט געשאצט צו האבן שאדנס פון הונדערטער ביליאנען דאלער, מדינת ישראל האט געצאלט עטליכע ביליאן דאלער אינעם געשעפט, און אמעריקע האט אויך ארייגעטשיפט אזוי נישט מיר נישט דיר, אן ערך פון א פערטל ביליאן דאלער.

אויסער פארניכטונג און טויט האט די מלחמה גארנישט געברענגט, ווייל אין א מלחמה, אין א מחלוקת פארלירט יעדער.

די קונץ איז נישט ארויסצוקומען א זיגער, די קונץ איז וויאזוי צו זיין קלוג, און נישט ווערן אריינגעשלעפט אין קיין מחלוקת, ווייל די פייער פון מחלוקת פארברענט אלעס.

דו מעגסט זיין גערעכט, דו מעגסט זיין א זיגער, אבער בעסער איז צו זיין קלוג. וואס איז ענדערש, געבן יענעם גערעכט און לעבן א חיים טובים, אדער אומקומען על מזבח הצדק, און מען זאל קענען שרייבן אויפן מצבה "פה נטמן איש צדק"...

לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן קוקן מיט רחמנות איינער אויפן צווייטן, נישט קוקן מיט קנאה און שנאה, אפילו יענער בא'עוולט מיר אמת'דיג, עס קומט אים, איך קען אים געבן מנה אחת אפים, לאמיר געדענקען "מענה רך ישיב חמה", אויב דו וועסט קוקן אויף יענעם מיט א רחמנות'דיגע בליק, וועסטו פארשטיין אז יענער שרייט בכלל נישט אויף דיר, יענער איז נעבעך צובראכן פון זיינע צרות, און דו שטייסט פונקט נעבן אים.

ליל ששי פרשת קרח האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס וואס מענטשן זאגן אז מחלוקת צווישן חסידות איז א גוטע זאך - ווייל אזוי עפענט זיך מער שולן, מער קמחא דפסחא'ס און אזוי ווייטער - איז נישט אמת, ווייל מחלוקת ברענגט נישט קיין שום גוטס, מ'דארף זען מיט אלע כוחות ס'זאל נישט זיין קיין שום קריגערייען איינער מיטן צווייטן. מאך שוין א תפילה "אייבערשטער העלף איך זאל נישט האבן קיין שום שייך מיט מחלוקת."

**דרכיה דרכי נועם וכל נתיבתיה שלום!**

# הויכע לעקציעס

פראנקרייך יארע 1936:

אין א קליין צימערל אין פאריז זענען געזיצן עטליכע אפיציעל אויסזעענדע שטאטסלייט מיט שטייפע מינעס אויפן פנים און זיך צוגעהערט צום רעדנער וואס האט זיך אויפגעשטעלט. בעפאר'ן אנהייבן רעדן האט ער זיך ארומגעקוקט איבערן גאנצן צימער און באטראכט יעדן באזונדער, און דערנאך געלאזט פאלן די באמבע אין א שטילע טאן: "רבותי, די רעגירונג האט באשלאסן צו פארקויפן דעם אייפעל טורעם".

לאמיר צוריקגיין מיט בערך פערציג יאר פריער. אין די 1890'ער יארן, ווען פראנקרייך האט געוואלט פייערן דעם בעפארשטייענדן 1900'סטען יאר וואס קומט, האבן זיי באשלאסן צו מאכן א גרויסע פאראדע, ווי מען וועט זיך באווייזן מיט אלע נייע טעכנאלאגיע און מאדערנע איינריכטונגען, צו ווייזן פאר די וועלט ווי געלונגען די פראצוויזישע זענען...

מען האט באשטימט א גרויסע ליידיגע שטח אינדרויסן פון פאריז וואס זאל דינען אלס גאסט געבער פאר די גרויסע פארשטעלונג, מען האט אנגעהויבן אהינברענגען אלע סארט נייע זאכן וואס פראנקרייך האט אויסגעטראפן, כדאי דאס צו קענען פארשטעלן פארן עולם.

אבער די באהערדע האבן געוואלט מאכן עפעס מער ווי סתם, זיי האבן געזוכט צו מאכן א wow, עפעס וואס זאל איבערנעמען די נייעס און מאכן באקאנט זייער פארשטעלונג פאר די גאנצע וועלט.

'גוסטאוו אייפעל' איז געווען א בארימטער פראנצויזישער ארכיטעקט וואס האט געהאט אויף זיין רעזומעי עטליכע הונדערט בארימטע פארשידנארטיגע בנינים און סטרוקטורן וואס ער האט שוין אהערגעשטעלט ביז דאן, צווישן זיי די גרינע אלטע סטאטוע פון ליבערטי וואס שטייט שוין דא צווישן וויליאמסבורג און בארא פארק מיט די הענט אויפגעהויבן פאר לאאנגע יארן.

האט מען אריינגערופן מיסיאר אייפעל זאל קומען מאכן עפעס גראנדיעז פארן בעפארשטייענדן צוזאמקומעניש. ער האט זיך אוועקגעזעצט פלאנירן עפעס מאסיוו, אבער אויך עפעס וואס האט געקענט געבויט ווערן אין גאר א קורצע צייט. ער איז אויפגעקומען מיט א מעכטיגע געדאנק, מען גייט בויען א ריזן הויכע סטרוקטור אבער נאר פון שטאלענע און אייזענע ביימס. אזוי גייט מען זיך שפארן אסאך צייט, מען וועט נישט דארפן לייגן ווענט און טירן, פלאמבינג, פעינטן, עיר קאנדישן, פינישן, וכו' וכו'. מען גייט לייגן ביימס און שוין.

אייפעל איז געווען אזוי שטאלץ מיט זיין געדאנק אז ער האט נישט געטראפן א פאסיגע נאמען פאר די געביידע נאר זיין נאמען, ועל שמו יקרא בכל קצבי תבל "דער אייפעל טורעם".

בעצם איז דער טורעם געבויט געווארן בלויז פאר די פאר חדשים וואס די פארשטעלונג וועט ציען באזוכער, אבער למעשה אזוי ווי מיר ווייסן אז ווען ס'קומט אוועק צו פאקן פון טיש ווערט יעדער נעלם... איז אויך געווען דא, ווען די פארשטעלונג איז געווען א פארגאנגענהייט איז למעשה די טורעם געבליבן שטיין, מיט די צייט איז זי אפילו געווארן א פאפולערע טוריזם אטראקציע, אבער אלץ האט מען געהערט מורמלען צווישן די פראנצויזישע עליטע אז פריער אדער שפעטער גייט דער בנין דארפן צונומען און פארקויפט ווערן.

צוריק צו די מעשה מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן, אין 1936 איז געקומען איינער, א באקאנטער שווינדלער און שארלאטאן מיט נאמען 'וויקטאר ליסטאג', און זיך באזעצט אין א פראמינענטע דירה אין הארץ פון פאריז.

ליסטאג איז געבוירן און אויפגעצויגן געווארן אין אייראפע, פון ווי ער האט שפעטער געדארפט אנטלויפן צוליב זיינע פילע גניבות, ער האט זיך דאן באזעצט אין אמעריקע. מען זאגט אויף אים אז ער פלעגט צו סיי וועלכע אנגעגעבענע צייט זיך ארומדרייען מיט כאטש דריי פאספארטן אויף דריי באזונדערע נעמען פון דריי אנדערע לענדער... ער איז בכלל נישט געווען דער סארט גנב וואס וועט אריינגיין צו אייך אינדערהיים און וועקכאפן אייער מנורה וואס איז ווערד טויזנט דאלער, מען רעדט פון איינער וואס זיין גאנצע

## א קוק אויף צוריק
## מיט א בליק
## אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

קאפ איז געלאפן קרום.

צווישן זיינע שטיקלעך ציילן זיך פארקויפן מאשינען מיט וואס מען דארף צו קענען פעלשן געלט, די חידוש איז אז די מאשין האט ניטאמאל געקענט פעלשן געלט... ווען זיינע קאסטומער'ס זענען געקומען זיך אפרעדן אז ער האט זיי באַ'גנב'עט האט ער געענטפערט מיט א טאמעוואטע מינע "דאס הייסט אז דו גייסט גיין צו די פאליציי זאגן אז דער מאשין מיט וואס דו האסט געוואלט פעלשן געלט ארבעט נישט?" בקיצור, מען רעדט דא פון גאר א גרעביבענער גנב און שווינדלער...

איין שיינעם טאג האט ער זיך אוועקגעזעצט מיט איינע פון זיינע מיטארבעטער, און געמאלדן אז זיי גייען פארקויפן דעם אייפעל טורעם.

זיי זענען אנגעקומען קיין פאריז, ווען אינצווישן האט ער זיך א נאמען געגעבן 'גראף' ליסטאג' כדי זיך צו הערן מער אפיציעל. זיי האבן געפעלשט די לעטערהעד פון די פראנצויזישע רעגירונג און פאררופן א זיצונג אין אן אפעציעלע האטעל מיט די גרעסטע



אייזן און מעטאל סוחרים פון פראנקרייך, פארשטייט זיך אז זיי האבן געלאזט אריינשרייבן אינעם איינלאדונגס בריוו אז דער זיצונג מיט די דעטאלן דערפון דארף צוליב פאליטישע סיבות געהאלטן ווערן אין שטרענגע געהיימניס.

מען האט געהאט אנגעגרייט בעפאר אביסל לייכטע איבערבייס(...) ס'זאל אויסקוקן גענוג לעדזשיט, אבער נישט צופיל, ווייל די רעגירונג קען זיך דאך נישט ארומווארפן מיט געלטער... ווען די היכגעשעצטע פירערס פון די גרעסטע אייזן פאבריקן און געשעפטן זענען אנגעקומען צום זיצונג איז גראף ליסטאג שוין געזעצן דארט, און עס איז פארגעקומען דאס מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן דעם ארטיקל, ער האט זיי אלע געלאזט וויסן אז מען גייט פארקויפן דעם אייפעל טורעם צו צונעמען און פארקויפן די אייזן דערפון צוליב "טעכנישע, פאליטישע, און פינאנציעלע פאקטארן".

די אנוועזנדע זענען געכאפט געווארן אין שאק אז מען האט זיי מיטגעטיילט דעם

געהיימניס, זיי האבן זיך געפילט זייער גוט אז די רעגירונג האלט זיי געונג חשוב אז זיי קענען גאר זיין פון די וואס קויפן עס אפ, גראף ליסטאג האט שנעל אויסגערעכנט פאר די פארזאמלטע פון וויפיל טאנען שטאל און אייזן מען רעדט דא, און גלייכצייטיג געמאלדן אז עס גייט יעצט פארקומען א ליציטאציע אויף דעם, און ווער עס קומט אריין מיט די העכסטע פרייז באקומט עס.

די מער באזעסענע ביזנעס לייט האבן זיך אוועקגעזעצט טראכטן, וויפיל די אייזן איז ווערד און וויפיל עס וועט זיי קאסטן, די וואס האבן אביסל אריינגעטראכט זענען אבער אנגעקומען צו די זעלבן מסקנא, "ווי קען זיין אז די רעגירונג פארקויפט אזא גרויסע בנין אזוי שנעל? מען וואלט געדארפט קודם לאזן מעלדן עטליכע וואכן פארדעם, מען וואלט געדארפט לאזן אלע זאלן אראפ שיקן ארכיטעקטן און בויער'ס וואס זאלן אנאליזירן דעם געשעפט וואס מען גייט דא שליסן, מען וואלט וועלן געדארפט לאזן די ביזנעסלייט מאכן חשבונות".

אלע ערפארענע ביזנעסלייט האבן געזאגט א קאטעגארישע 'ניין'. א געקאפטע געשעפט איז א רעצעפט פאר דיזעסטער. די חידוש איז אז זיי האבן ניטאמאל געטראכט אז די גאנצע זאך הייבט זיך נישט אן, און קיינער וויל עס ניטאמאל פארקויפן.

אבער אונזער שווינדלער ליסטאג האט דאך נישט געדארפט מער ווי איינער... און דער איינער איז געווען א אינגער פרישער מעטאל סוחר וואס האט זיך געלאזט איבעררעדן, ס'האט גערעדט צו אים דער פאקט אז 'ער גייט אין איין מינוט ווערן דער בעל הבית פון אזא גרויסע מעכטיגע טורעם'.

דער סוחר האט דארט אויפן פלאץ אראפגעלייגט א דעפאזיט פון האלב געלט, א סכום פון עטליכע מיליאנען, און אפגעשמועסט מיט 'גראף ליסטאג' ווען ער גייט ברענגען דאס איבריגע געלט און אונטערשרייבן מיט די רעגירונג דעם קאנטראקט.

ליסטאג האט גענומען דאס געלט פון אים און שנעל פארענדיגט די זיצונג, ווי נאר ער האט ארויסבאגלייט דעם לעצטן באטייליגטער האט ער צוזאמגעפאקט זיינע זאכן און אפגעיאגט פון שטח נאך פאר איינער כאפט וואס דא איז געשען...

דער סוחר וואס האט געוואלט האבן דעם אייפעל טורעם 'יעצט,דא,שוין' איז געבליבן לעקיש.

נאך מער, דער באשווינדלטער האט זיך געשעמט צו גיין צו די פאליציי פארציילן מיט וואס ער איז אריינגעפאלן, בשעת ווען ליסטאג קוקט יעדן טאג די צייטונגען פון פאריז און ער ווארט צו זען ווי ער ווערט באקאנט מיט זיין פרישע שווינדל.

הערט א מעשה, ווען ער האט געזען אז קיינער ווייסט נישט דערפון איז ער שפעטער צוריק געפארן קיין פאריז און נאכאמאל איבערגעמאכט דעם שפיל און פארקויפט דעם אייפעל טורעם פאר א צווייטן! און מיט דעם טעכניש דורכגעפירט צוויי גניבות אויף איינמאל, סיי מיט בא'גנב'נען די פראנצויזישע רעגירונג און אויך דער פארוועם ער האט עס פארקויפט דעם ערשטן מאל....

עד כאן המעשה. אבער עס איז אסאך טיפער ווי בלויז א גוטע מעשה פון גניבה, ווייל די סארט גניבה קומט ווייטער פאר יעדן טאג דא ביי אונז אין אלע היימישע געגנטער.

און אויב איינער וועט דיר קומען זאגן אז ס'איז דא א וועג צו ווערן אן ערליכער איד און אפלאזן אלע שטותים אין איין סעקונדע אויב מען זאגט דעם לחש אדער מען גיבט געלט פאר די ספעציפישע צוועק, איז ער א גרויסער ליגנער און א פאסקונדיאק און פרובירט דיר - אזוי ווי ליסטאג - ארייןפירן אין באד אריין מיט א גרויסע שנעלע געשעפט וואס האט נישט די מעגליכקייט אין מציאות צו קענען אנגיין.

אזוי אויך אלע אנדערע זאכן וואס בייזוויליגע פערזאנען רעדן איין פאר כלל ישראל וואס ווילן זיין גוט און ערליך, מען פיטערט זיי מיט שטותים והבלים אלעס מיט די זעלבע צוזאג אז "יעצט,דא,שוין' וועט מיין סגולה ארבעטן און דו ווערסט אן ערליכער איד, שיק נאר אריין דיין קארטל..."

ווייל אזא זאך ווי רעדן מיטן אייבערשטן ווי צו א חבר, די עצה פון אלץ זיין פריילך, און אזוי ווייטער אלעס וואס מען דארף טון צו ווערן ערליך, געשעט נישט אין איין טאג און נישט מיט איין טאהט, און ווען עס קומען אידן און זאגן "איך הער שוין אויס שיעורים פאר א גאנצע וואך און ס'איז נאך גארנישט געווארן פון מיר", קומט מיר ארויף די מעשה, און מען קען דערהערן וואס די ערפארענע סוחרים האבן געזאגט פארן שווינדלער ליסטאג "א געכאפטע געשעפט איז א רעצעפט פאר דיזעסטער".

נאר וואס דען? מען הערט נאך א שיעור און מען ליינט נאך א קונטרס עצתו אמונה, און אזוי קומט מען צוביסלעך אן.

## זכות פרק - $1000

פרק א'
מוה"ר **אשר יעקב בלום** הי"ו
נמכר

פרק ב'
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
נמכר

פרק ג'
מוה"ר **משה ראזענבערג** הי"ו
נמכר

פרק ד'
מוה"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו
נמכר

פרק ה'
מוה"ר **נפתלי הערש פארקאש** הי"ו
נמכר

פרק ו'
מוה"ר **שלום יצחק מאסרי** הי"ו
נמכר

פרק ז'
מוה"ר **דוד טשינגל** הי"ו
נמכר

פרק ח'
מוה"ר **יהודה וייל** הי"ו
נמכר

פרק ט'
מוה"ר **אברהם אלי' פרידריך** הי"ו

פרק י'
מוה"ר **שמואל דוד בראון** הי"ו

פרק י"א

פרק י"ב

פרק י"ג

פרק י"ד

פרק ט"ו

נמכר

## זכות מהדורה

$5000

מוה"ר
**אשר לעמיל זוסמאן**
הי"ו

לעצטע געלעגנהייט לעצטע געלעגנהייט

## חלק ב'




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
**מוה"ה לייבי ראטה הי"ו**

347
578
4449

*sruliHeskel

# מעשיות פון תפילה



## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. איך האב באקומען א בריוו אז איך דארף זיך שטעלן אין געריכט, און איך שטיי אויס אן ארעסט אויב איך וועל מיך נישט שטעלן, עס איז אבער נישט געשטאנען די סיבה פון די בריוו.

איך בין געווארן אביסל נערוועז דערפון, וואס דאס קען באדייטן. איך האב אנגערופן די נומער וואס איז געשטאנען אינעם בריוו פרעגן פון וואס מ'רעדט, איך האב נישט געהאט קיין אנונג וואס ס'טוט זיך, פון מיליטער האב איך א פטור ברוך השם, און די געריכט דארף פארקומען אין ירושלים וואו איך האב קיינמאל נישט געוואוינט אפציעל, און אויך נישט די לעצטע פאר יאר. למעשה איז געווען צו שפעט אין טאג און זיי האבן נישט אויפגעהויבן.

האב איך אנגעפאנגען בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נתברר געווען אז ס'איז איין שטיקל גארנישט מיט נישט.

דעם קומענדיגן טאג האב איך זיי אנגערופן פרעגן וואס גייט פאר, נאכן אריינקוקן דערין איז די תשובה געווען אז בערך א יאר צוריק האב איך פארקירט מיין קאר נישט לעגאל ערגעץ אין ירושלים, און איך דארף באצאלן 250 שקל פאר די טיקעט.

שוין, אפגעקומען מיט שרעק! איך האב דאן געבעטן מ'זאל עס איבערטראכטן אין א געריכט הויז. האבן זיי געזאגט אז אין א יאר ארום גיי איך האבן די געריכט, און אויב ס'וועט דיר נישט געלונגען, וועסטו דעמאלט דארפן צאלן 250 שקל...

שכח אייבערשטער אז עס איז נאר געווען אפאר מינוט שרעק.

2. איך בין געווען שבת אין בני ברק, איך האב מיך דארט פארטויש מיין טלית אין שול און אויך האב איך פארלוירן דארט א קנעפל. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן מיין טלית, און אויך מ'זאל נישט רוימען די שול ווילאנג מיין קנעפל איז אויף דער ערד. שכח אייבערשטער כ'האבביידע געטראפן.

3. די געהאלט פון מיין ארבעט האט זיך אפגעהאלטן זייער לאנג ביז ממש יעצט, און איך האב געדארפט עס האבן זייער וויכטיג. אין צוויי טעג האט געדארפט א טשעק פון די דירה רענט ארויס גיין פון די ליידיגע באנק. כ'האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן פארדעם. שכח אייבערשטער איך האב יעצט באקומען א מעלדונג אז די געלט איז שוין דא.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## פארדינסטן פון די גאנצע וועלט

### שאלה

**לכבוד ר' "גרשון" שליט"א**

**איך וואונדער מיך אויב איר ווייסט צו זאגן א נומער וויפיל געלט פארדינען אלע מענטשן פון דער וועלט צוזאמען גערעכנט אין א יאר, נאכמער וואנדער איך זיך וויאזוי דו וועסט דאס מקשר זיין מיט עבודת השם...**

**יישר כח, איך האב זייער הנאה צו ליינען יעדע וואך אייערע נייעס און "אלעס'ן" ארייגעפלאכטן מיט מוסר השכל און אייבערשטער.**

**יואליש קרויס**

### ענטפער

זייער א שטארקע שאלה!

די "וועלט באנק" און די "אינטערנאציאנאלע מאניטערי פאנד" שאצן אז די "גראס וועלט פראדוקט" GWP (פער לאנד רופט מען עס גראס דאמעסטיק פראדוקט - GDP), וואס די ווערד פון אלעס וואס ווערט פראדוצירט און פארדינט דורך אלע מענטשן און ביזנעסער פון די גאנצע וועלט אינאיינעם איז געווען בערך $110,000,000,000,000.00 (הונדערט און צען טריליאן דאלער) פאר די גאנצע יאר '24 למספרם. דער ציפער רעכענט אריין וועידזשעס, פארדינסטן, רענט, און סערוויסעס וואס זענען געווארן צוגעשטעלט ארום די גאנצע וועלט.

וויבאלד עס איז עכט כמעט אוממעגליך צו באגרייפן פאר א מענטשליכער מח אזא ריזיגע ציפער, לאמיר עס צוטיילן צווישן די בערך אכט ביליאן מענטשן אויף דער וועלט, אויב מען וועט נעמען דעם סכום און צוטיילן אייניג פאר יעדע מענטש אינעם גלאוב, וועט עס אויסקומען אביסל ווייניגער פון פערצן טויזנט דאלער פער מענטש פער יאר.

עס איז דא א דיבור פון הייליגן רבי'ן "אדער נעמט מען אוועק דאס געלט פונעם מענטש, אדער דעם מענטש פונעם געלט", קיינער בלייבט נישט אייביג צוזאמען מיט זיין געלט - אויסער אויב ער איז מעלה זיין געלט, און מאכט דערפון עפעס א גוטע אינוועסטמענט.

אינוועסטמענטס אויפ'ן סטאק מארקעט אדער ביטקוין וועט נישט העלפן, ווייל אויך ביי דעם גייט אן דעם כלל, אדער בלייבט דער מענטש אנעם געלט, אדער די געלט אנעם מענטש.

עס זענען דא אסאך גוטע אינוועסטמענטס אוועילעבל. יעדע וואך ווערט אדווערטייזט דא אין בלעטל גאר שטארקע אינוועסטמענטס, פון פראיעקטן וואס אויב מען לייגט דארט דאס געלט בלייבט דאס געלט מיט'ן מענטש אויף אייביג, מען קען בויען מוסדות, געבן פאר צדקה וחסד, שטיצן ארימעלייט, דרוקן ספרים וואס דערמאנט אידן פונעם אייבערשטן.

ווען מען זעט די הונדערט און צען טריליאן דאלער וואס די וועלט פארדינט יעדעס יאר, וויפיל פון דעם בלייבט, און וויפיל גייט לטמיון פאר נארישקייטן?

דער הייליגער רבי נתן האט געטייטשט: "צדקתך צדק לעולם, ותורתך אמת", וועלכע צדקה בלייבט פאר אייביג, אויב מען געט עס פאר'ן דרוקן ספרים פונעם צדיק האמת.

דאס איז זיכערע אינוועסטמענטס, עס גייט גלייך אריין אינעם געלט אקאונט אויבן אין הימל, עס ווערט פאר דיר וואוקגעלייגט, נאך די הונדערט און צוואנציג גייט עס אפירקומען, מ'גייט דיר באלוינען פאר דעם, און פון דעם וועסטו קענען עסן אויבן אין הימל.

**אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב, אלא מצוות ומעשים טובים.**

# געדאנקען

## פרעשער-לאז
## אין מעקסיקאו

משה'לע קומט אהיים נאך א שווערע טאג ארבעט, וואו קען איך ROB'ן א באנק? איך קען נישט מער, די הוצאות וואקסן טעגליך, די קרעדיט קארד חובות זענען אומדערטרעגליך, ער האט באוויזן פון דא ביז קאנארסי אז זיין ווייב איז די סיבה פון זייער אומגעהויערן חובות לאסט, זי שפענדעט צו פיל, טענה'ט משה'לע.

אין ארבעט טרייבט ער שפאס פון "די פרויען", אזוי בין זאקעלע ל'זאקעלע, בשעת זיין ווייב וואשט זיינע שמוציגע זאקעלעך און שלעפט ארויס נאך א נאסע לאוד און לייגט עס אין דרייער, קראכט ער וויצן אויפ'ן חשבון פון זיין ווייב וואס שטייט ביים איצטיגן מאמענט אויף די פיס און צושניידט די שטיין-הארטע שטייפע באטערנאט-סקוואש אז איר תכשיט'ל זאל האבן נאראהאפטיגע קרעפטיגע ווארימע גרינצייג זופ צו נאכט-וועטשערע.

ער האט וויצן אויף "די פרויען" וויפל איר ווילט, מיין ווייב האט מיך געמאכט פאר א מיליאנער, ווען זי וואלט נישט געשפענדעוועט וואלט איך נאך געווען א ביליאנער, הי הי הי, דא לאכט מען, הי הי הי.

מיין ווייב ספענד גארנישט, זי סעיווט מיר געלט א גאנצן טאג, זי גייט אין יעדן געשעפט וואו ס'איז דא א סעיל, זי סעיווט מיר צוואנציג פערצענט OFF, הי הי הי, דא לאכט מען, הי הי הי.

מיין ווייב מיינט איך בין א עי. טי. עם. מאשין, הי הי הי, דא לאכט מען, הי הי הי.

משה'לע איז אויסגעמאטערט פון זיין צען שעה'איגע WORKDAY, פאלט אנידער אויפ'ן קאוטש, שלעפט דאס בענדל אז דער פיס-האלטער זאל ארויסטאנצן, שטויסט אראפ פון פיס די טשילערישעLOAFER שיך, א שיין חלום'ל וועבט זיך אין משה'לעס קעפעלע, אוי ווען וועל איך קענען לעבן א לאקזשערי לייף...... ווען וועל איך נישט דארפן ארבעטן מצאת החמה עד צאת הנשמה..... ווען וועל איך קענען מאכן א מעלוינע יעדן חודש בלויז פון ארבעטן דריי שעה א טאג...... ווען וועל איך קענען זיצן אין א האטעל אין מעקסיקאו און פארלאנגען דער באדינער זאל מיר פוצן די שיך און ברענגען א מארגאריטא אדער א פינאקאלאדא..... פארוואס'זשע זאל איך נישט האבן א פרייוועט דזשעט....... און אויב שוין יא חלום'ען, פארוואס טאקע נישט פארמאגן א פיקס-פארטיגן עי. טי. עם. מאשין וואס שפייט הונדערטערס בלויז מיט א דרוק פונעם קנעפל......

דאס חלום'ל וועבט זיך און וועבט זיך, משה'לע אטעמט יעצט די רואיגע לאנגע אטעמ'ס פון די אויסגערוהטע רואיגע מענטשן, משה'לעס שטערן האט יעצט מאמענטאל נישט קיין קנייטשן, משה'לעס הארץ קלאפט מיט די רואיגע RHYTHM פון די געזונטע גאלערעטע-לאזע אקטיווע מענטשן וואס לויפן אויף מאונט עווערעסט, א רואיגקייט הערשט אינעם גאנצן ארום......

און אט זעט זיך משה'לע שטיין גראד אנטקעגן די צויבער מאשין, מען געבט א TOUCH די סקרין און VROOM! א בינטל פון הונדערטערס פאלט ארויס אזוי ווי די קען סאדע אין די שול-ווענדינג-מאשין, נאך א TOUCH, און VROOM! נאך א בינטל הונדערטערס! נאך א טאטש, נאך א בינטל, נאך א טאטש, נאך א בינטל, משה'לע פליט! ער שוועבט! בום! בום! נאך א בינטל! נאך א בינטל!

אינמיטן די געפליעכץ פון בינטלעך הונדערטערס, הערט ער פלוצלונג א אינטערעסאנטע גערודער, לעפעלעך, גאפעלעך, גלעזעלעך.....

ווער שטערט מיך דא אינמיטן נוצן די צויבער קעש מאשין?! כ'האב שוין א פולע מילער קעסטל מיט הונדערטערס, און פלוצלונג שטערט מען מיך!! וואס גייט דא פאר?!

משה'לע קרוין, דיין הייסע באטערנאט סקוואש זופ איז שוין גרייט! כ'האב אפילו געקויפט ספעשל פאר דיר די נייע קראנטשי RAMEN נודל קראטאן וואס דו האסט ליב.

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

א קאלטע שווייס האט באגאסן משה'לען, ער איז דער אלטער משה'לע מיט די LOAFER שיך ביי די זייט פון די אפגעוועטשטע קאוטש, אין כאן לא עי. טי. עם. ולא בינטלעך הונדערטערס, ולא פינאקאלאדא ולא מארגאריטא, רק יש כאן א אויסגעמוטשעטער אידל וואס ארבעט עבודת הפרך טאג איין טאג אויס.

אלץ מוז מיין ווייב דאס טון צו מיר!!! פארוואס האט זי מיך געמוזט אוועקנעמען פון די צויבער מאשין מיט די הונדערטערס?!

א גאנצע מילך קעסטל מיט הונדערטערס איז געליגן דא ביי מיין פוס!

ווער האט עס אוועקגענומען?!!!

וואס גייט דא פאר?

וואו בין איך ?

אין מעקסיקאו מיט פינאקאלאדא און הונדערטערס? אדער אויף די אויסגעוועטשטע קאוטש מיט א באטערנאט-סקוואש זופ דערנעבן?

אויש!!!!!!!! ס'איז געווען א חלום? יויש!!! יוישששששששששששש!!!!!! פארוואססססס???????

פארוואס האסטו מיך געדארפט אויפוועקן????????

ס'איז דאך אזוי זיס אין די ווייטע מעקסיקאו!!!! פארוואס האסטו מיך צוריקגעברענגט צו די אויסגעוועטשטע קאוטש???????

פארוואססססס????????

"די פרויען"!!!!!!!!!!

סטו געזען אזאנס????????

פארוואס האט זי מיך געמוזט אוועק שלעפן פון די צויבער מאשין מיט די הונדערטערס??????

"די פרויען"!!!!!!!!!!

משה'לע זיסער..... די נייע קראנטשי RAMEN נודל קראטאן ווערט שוין SOGGY..... פליז קום עסן....... דערציייל מיר עפעס פון דיין טאג'עלע, דערציייל מיר אביסל ווי נישט גרינג איז די פרנסה'לע...... אפשר דאך ווילסטו עסן פון די נאראהאפטיגע זופעלע......... מיט די יאממי קראטאנ'דעלע.........

זי איז א ריכטיגע אשת חיל.... זי הערט א האט-ליין וואו א ערליכער איד געבט זיך אוועק צו זאגן יעדן טאג נאך א דרשה אז דער אייבערשטער האט דיך ליב, דער אייבערשטער בענקט צו הערן דיין קול, געב נאך איין טשענס פאר דיין שלום בית, דו קענסט עס מאכן, געב נישט אויף, דו קענסט נאך זיין א מוצלח, ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך, נאך איין ATTEMPT און די ביסט אויפ'ן שפיץ מאונט עווערעסט, דו ביסט א האר אוועק פון באקומען דעם טשעמפיאנשיפ קרוין, דו ביסט איין אינטש אוועק פון איינקעשן אלע דיינע יארן פון פרובירן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל צו מצליח זיין.

זי בעט דעם אייבערשטן שוין עטליכע יאר צו קענען מקרב זיין איר קרוין'דעלע צו לעבן מיט א צדיק.

יעדן דאנערשטאג דריי אזייגער גייט זי ביים קארנער צום גרויסן שפאגל נייעם "קאלאראבי סופערמארקעט" צו מאכן די וועכנטליכע גראסערי ארדער, ווען דער אמיגאו (לעצטע וואך איז ער נאך געווען פון די גליקליכע פרעשער-לאזע מארגאריטאדיגע מאעקסיקאנער באפעלקערונג וואו די פישזאפט מענטשן יאווען זיך אהינצופליען צו קענען ארויסלייגן פאר'ן עולם א בילד פון די



גליקליכע לעבן) פאקט צאם די DOS CAJAS (צוויי באקסעס, אויף די פרעשער-לאזע מארגאריטאדיגע שפראך) טוט ער א טובה פאר יעדן קאלאראבי קאסטומער און שטופט אריין אין די באקס די אומזיסטיגע מאגאזין וואו מען אדווערטייזט אפשפרעכערס און ענקזייעטי-אויסהיילערס, און שלום בית מבינים וואס נעמען פיר מאות און געבן א גאנצע שעה פון הוידל בוידל, זעכציג מינוט פון מאלן וואסער מיט א דייטשע מילעכל.

משה'לעס ווייבעלע גייט שטילערהייט און שטיפט אריין א ברסלב'ע גליון אין די מאגאזין פון די אפשפרעכערס און גיטאר-מחנכים. ס'האט גארנישט מיט מיר, שעפשעט זי שטיל, די ברסלב'ע גליון דא האט גארנישט מיט מיר..... ס'קומט אזוי......

משה'לע וויל שוין אנטון די LOAFERS און גיין צו די זופ מיט די נייע RAMEN נודל קראטאן. מיט א שטופ מיט די פיס שטופט ער צוריק די פיס-האלטער פון די קאוטש, אזוי אינמיטן זיך בייזערן אויפ'ן פארלירן די צויבער מאשין מיט די הונדערטערס, פאלט אזוי אריין זיין לינקע האנט אין די מאגאזין RACK ביי די לינקע זייט פון די קאוטש, ער הייבט אזוי אויף די "אפשפרעכער" מאגאזין, ער הייבט אן בלעטערן די אדווערטייזמענטס, "רעדט נישט מיט אייער קינד! שמועסט נישט מיט אייער קינד! קוקט נישט אויף אייער קינד! שיקט אים צו גיטאר לעסנס פון פינעף ביז זעקס, צו ציין-פוצן לעקציעס פון זעקס ביז זיבן, צו קעז-מאכעריי לעקציעס פון זיבן ביז אכט, מיט נאך דרייסיג מינוט פון קנעטן קרים טשיז מיט די בלויזע הענט אז ער זאל זיך צוביסעלעך צושטייטעלעך אויסלערנען נישט צו האבן די געפערליכע געפערליכע געפערליכע זאך פון סענסערי אישו'ס וואס תוצאותיו מי ישורנו". אזוי ליינענדיג די קרים טשיז קנעטעריי AD געבט א פאל ארויס די ברסלב'ע גליון וואס זיין קלוגע ווייבעלע האט דארט פאכמאניש גע'PLANT'עד, ווי א קעי. דזשי. בי. אגענט פלאנצט אריין א רעקארדער אין אמעריקאנעם קאנזולאט אין פאנג-אן-פון-אנפאנג (א שטאט אין טשיינע).

"ווילסט געלט? רעד שיין צו דיין ווייב!"

הממממ.... נישט אזוי שלעכט......... אפשר טאקע........ אפשר ארבעט עס טאקע יא........

וואס קאסט צו פרובירן?.........

אפשר איז שלום בית די נאנטסטע וואס איך קען קומען צו פארבעסערן מיין פינאנציעלע לאגע?............

אפשר טאקע נישט ממש א עי. טי. עם. מאשין......... אבער אפשר וועלן זיך זאכן עטוואס א רוק טאן?.........

וואס נאך שטייט דא אין ברסלב'ע פעיפער?...... הממממממממ...... אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו...... רעד שיין צו דיין ווייב וועסטו ווערן רייך.

(אי"ה אין א אנדערן ארטיקל, ס'איז דא צוויי רייך, ס'איז דא רייך אז איך האב וואס איך דארף צום לעבן, ביי איינעם איז עס צוועלף דרייצן מאות א וואך, ביי איינעם צוויי אלפים, ביי איינעם אביסל מער, און ס'איז דא רייך אז איך בין רייכער פון מוישי און רייכער פון שלומי און רייכער פון חזקי, דאס איז נעבעך א נערוון מחלה וואס איז אומהיילבאר סיידן אז מען טרעפט א ערליכער איד וואס געבט זיך אפ מיט די סארט נפש'דיגע קראנקהייטן פון לאו סעלף עסטים).

הממממ.... לאמיר זען...... וויזוי טוט מען עס....... הממממממ....... פאר געלט וועל איך אלעס טון...... הממם.... שקוי...... שקוי....... שקוי....... דיס סאונדס סאו יאנטשי.......... שקוי...... ש.. ש.. ש.. ש.. שכח פאר די פיינע זופ!

הממממממממ... איי דיד איט...... אי דיד דהי שכח טינג........ דיס סאונדס FREAKY...

יויש! ווען מיין חבר חזקי זעט מיך דא זאגן פאר מיין ווייב די פאני "שכח" טינג, גייט ער מיך DISOWN'ען!

משה'לע געבט א שלונג, וואטס נעקסט?

הממממממ... ש.... ש.... שקוי.... שקוי.... שכח פאר קויפן די נייע RAMEN נודל קראטאן.......

יעס! איי דידי איט! איי דיד איט טווייס!!!!!

I'M ALIVE!

I SURVIVED!

IT DOESN'T FEEL SO BAD AFTER ALL!

וו.... וו... וו..... ווילסט.... ווילסט.... ווילסט איך זאל דיך ערגעץ טראגן מיט די קאר? האסט געזאגט פריער אויפ'ן טעלעפאן פאר דיין פרענד אז ס'איז דא א סעיל ביי פרייליך טיכלעך, ביי וואן געט

א קאלטע שווייס האט באגאסן משה'לען, ער איז דער אלטער משה'לע מיט די loafer שיך ביי די זייט פון די אפגעוועטשטע קאוטש, אין כאן לא עי. טי. עם. ולא בינטלעך הונדערטערס, ולא פינאקאלאדא ולא מארגאריטא, רק יש כאן א אויסגעמוטשעטער אידל וואס ארבעט עבודת הפרך טאג איין טאג אויס

טרי, וו... וו... ווילסט גיין? איך קען דיך טראגן.......

ה...... ה...... האסט..... האסט שוין א קלייד פאר דיין שוועסטערס חתונה אין צוויי חדשים?

WOW!

THIS שיין-רעדן-טינג.....

I LIKE THE FEELING!.....

דררר.... דררררררר........ האלאו?.......

יא, דאס איז מושי, האו קען איי בי אוו העלפ?

משה'לע גייט אריין אין אנדערן שטוב, קוקט אויס ווי א HEAVY פאון קאל

ער קומט ארויס און האט א פרייליכן פנים וואס זי האט שוין נישט געזען עטליכע יאר אויף איר אויסגעמוטשעטן מאן וואס ארבעט עבודת הפרך צו לייגן ברויט אויפ'ן טיש

ער דערציילט א צויבער מעשה, עס זעט אויס מער אומגלויבליך ווי א נארישע עי. טי. עם. חלום.

דאס מאל איז עס עכט!

זיין בעל הבית, דער דיוועלאופער וואס בויט הונדערט טויזנט סקווער פוס א יאר האט אים יעצט געגעבן די שאקינג נייעס אז חיים דער עקזעקיוטיוו אסיסטענט פון די לעצטע צען יאר פארלאזט די קאמפאני.

ס'איז נישט דא ווער זאל איבערנעמען חיים'ען, נאר אונזער משה'לע.

ער האט אנגעהויבן רעדן שיין און זיין אינקאם איז מיט איין טעלעפאון רוף ארויף פון צוועלף מאות צו פיר אלפים

מיט א פינעף פערצענט SHARE אין די פראפיט!

מיט צוויי געהילפן אז זאכן זאלן זיך רוקן שנעל און פארלעסליך, נישט דארפן אלעס אליין טון.

דער בעל הבית האט אים מסביר געווען אז מיט די סארט פרעשער-ארבעט מאכט נישט קיין סענס צו ארבעטן מער ווי פון ניין ביז פיר, אז מען ארבעט מער שעה'ן, איז ער אים מסביר, פאלט די קוואליטי פון די ארבעט. ער איז עס אים מסביר אזוי פענסי שמענסי אויף די הויכע שפראך.

ITS QUALITY OVER QUANTITY.

משה'לעס "אוקירו לנשיכו אפאראט" גייט אים אויסשפייען פרישע דריי אלפים א וואך!

זאג פאר דיין ווייב שכח פאר די עסן, שכח פאר די ריינע וועש, שכח פאר די שמעקעדיגע הויז, דיין פרנסה וועט זיך פארבעסערן!

קודם מאך א תפלה, הייליגער באשעפער העלף איך זאל נישט רעדן ווי א ציגיינער, נישט רעדן צו די ווייב מיט א "ערנסטע" מינע אויפ'ן פנים, נישט רעדן צו די ווייב מיט א אייז קאלטע פנים אזוי ווי מען וואלט גערעדט צו א מאסן מערדער חס ושלום, באשעפער העלף איך זאל געדענקען אז קיינער קומט מיר גארנישט, באשעפער העלף איך זאל זען גוטס אויף מיר און אויף מיין ווייב און אויף יעדן.

# א מעשה
## פון א צדיק



## אַ גוּטֶע נַאכְט

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִיז עֶר אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ לִיטְוִוישֶׁער גָּדוֹל אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים אִין לֶערְנֶען. כָאטְשׁ וָואס דֶער חָפֵץ חַיִּים אִיז נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג, אוּן דֶער לִיטְוִוישֶׁע גָּדוֹל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ זָקֵן פוּן אִיבֶּער דִי נַיינְצִיג יָאר, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער זָקֵן דֶער תַּלְמִיד חָכָם שְׁטַארְק זִיךְ גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט מִיטְן חָפֵץ חַיִּים אוּן מַמָּשׁ רוֹב טָאג פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים אִין לֶערְנֶען.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער תַּלְמִיד חָכָם אָנְגֶערוּפְן: "אַ גוּטֶע נַאכְט מָארְגְן אִיז אוֹיךְ אַ טָאג" אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער זָקֵן גֶעזֶעגֶענְט אוּן אַרַיין אִין זַיין צִימֶער זִיךְ אוֹיסְרוּעֶן.

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דִי מַעֲשֶׂה אוּן צוּגֶעלֵייגְט: "אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דֶעם גֶעשִׁיכְטֶע, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָּאָה גֶעהַאט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן מִיט דֶער אִיד, דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגְט צוּזַאמֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי לֶעכְטִיג, הֵיילִיג אוּן דֶערְהוֹיבְּן, אַז אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענְגְן מִיט אִים אַפָּאר טֶעג אוּן אַפָּאר נֶעכְט אִין אֵיין צִי אָן עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט צוּ זַיין תּוֹרָה אוּן קְלָארְקֵייט, אָבֶּער עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט אַז יֶעדֶע נַאכְט הָאט עֶר מִיר אַזוֹי אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט זָאגֶענְדִיג 'אַ גוּטֶע נַאכְט, מָארְגְן אִיז אוֹיךְ אַ טָאג'."

"אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶע נַאכְט אִיךְ וִויל נָאךְ פַארְבְּרֶענְגְן, מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מִיר רֶעדְן אִין לֶערְנֶען, וָואס אִיז דִי מַפְסִיק זַיין, וואוּ יָאגְט עֶר זִיךְ, לָאמִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה."

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער יֶעצְט וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין אוֹיךְ אִין מַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין גוּט דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם זָקֵן פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט, וַוייל וֶוען עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען פְרִי שְׁלָאפְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט אַ קְלָארֶע אוֹיסְגֶערוּטֶע קָאפּ, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי צִיעֶן גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ בִּיז דִי נַיינְצִיג, אָבֶּער וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק מִיטְן זָאגְן אַ גוּטֶע נַאכְט אוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אַזוֹי זַיין אוֹיסְגֶערוּט, דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחַ בִּיז דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן".

דֶער חָפֵץ חַיִּים פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "גֵייטְס שְׁלָאפְן אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּיז דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן".

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגְט מִיט הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל וָואס אֲפִילוּ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעהַאט אַ אָנְגֶעפִילְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, אָבֶּער וִויבַּאלְד מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען פַאר גֶעצֵיילְטֶע טֶעג הָאט עֶר אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין אַ זַייט אוּן גֶערֶעדְט אוּן דֶערְצֵיילְט אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן עֲבוֹדוֹת פַאר מוֹהֲרָא"שׁ לַאנְגֶע לַאנְגֶע שָׁעוֹת.



מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים אַהֵיימְבַּאגְלֵייט נָאךְ מַעֲרִיב אוּן בַּאמֶערְקְט אַז וִוי נָאר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק קוּמְט אָן צוּ זַיין הוֹיז הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "אַ גוּטֶע נַאכְט" אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט 'בִּיז דָא, מֶען גֵייט שׁוֹין יֶעצְט מֶער נִישְׁט רֶעדְן, מָארְגְן אִיז נָאךְ אַ טָאג'.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט דִי גֶעשִׁיכְטֶע אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַ גוּטֶע נַאכְט, וַוייל פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן מִיט מִיר, עֶר הָאט אַסַאךְ מָאל גֶעהַאט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם, וִויפִיל שָׁעוֹת אֲרֻכּוֹת עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר מִיר, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְק מְסוּדָּר'דִיגֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אָבֶּער עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט נָאר כְּדֵי צוּ פַארְבְּרֶענְגְן מִיט מִיר, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט נָאךְ מַעֲרִיב וִוי נָאר אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַ גוּטֶע נַאכְט, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דֶעם אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אַז עֶר קֶען הָאבְּן אַזַא שֵׁיינֶע אָנְגֶעפִילְטֶע טָאג עֶר שְׁטֵייט אוֹיף חֲצוֹת אוּן עֶר אִיז אוֹיף בִּיז תְּפִילַּת וָתִיקִין אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצֶע טָאג מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיז נָאר וַוייל עֶר אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיסְגֶערוּט אוּן עֶר הָאט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַזוֹי הָאט עֶר כֹּחַ פַאר זַיין סֵדֶר הַיּוֹם".

**(שיחות מוהרא"ש חלק י' ערך חזק)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קכ"ב

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטַארְקְן דִי מְנִיעוֹת פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף אַ שְׁוֶוערֶע פַארְנֶעם. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אֵיין זַאךְ, אַז עֶר זָאל טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה.
רֶבִּי הָאט נָתָן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ פָּארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה.
רֶבִּי נָתָן כַאפְּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי'ן, אֵיידֶער עֶר פָּארְט קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרֵייסְטְן אוּן שְׁטַארְקְן אַזוֹי ווִי אֵייבִּיג. ער האט גערעדט צו אים איבער הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: צוּצוּקוּמֶען צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְכְ'ן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן פְּרִיוַואט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה מְבַטֵל צוּ זַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, בִּיז מֶען אִיז מְבַטֵל דֶעם גַאנְצְן אֵייגֶענֶעם גַשְׁמִיוּת, אוּן מֶען וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶער עִיקָר צַייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז בַּיינַאכְט, ווַייל בַּייטָאג אִיז דָאךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי טִירְדוֹת הָעוֹלָם, מֶען הַאנְדְלְט אוּן וַואנְדְלְט אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה, מִיט וֶועלְטְלִיכֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט פוּן זִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט דִי זַאכְן, אָבֶּער דָאס וָואס דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דָאס יָא, דָאס שְׁטֶערְט אִים אוֹיךְ פוּן אַ גֶענְצְלִיכֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער עִיקָר פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן אֲפִילוּ בַּייטָאג. ווַייל אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג, וֶועט זַיין שְׁוֶוער זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף אַזַא אוֹפָן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוָה אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ לַאנְגֶע צַייט אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל דָאס זוֹכֶה זַיין מְבַטֵל צוּ זַיין, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט עֶר וַוייטֶער צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר וֶועט פָּטוּר דֶערְפוּן, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן בָּטֵל נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט דוּרְךְ אִים אוֹיךְ אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, ווִי אוֹיבְן עֶרְקְלֶערְט.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִּירְט אוּן גֶעטַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ג', ה') הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה, אַ אִיד אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי, ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אַז עֶר גֵייט בַּיינַאכְט אוֹיף אַ וֶועג אַלֵיין אוּן שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ, עֶר לֵיידִיגְט אוֹיס זַיין הַארְץ פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, לְבַטָּלָה, צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ גֶענְצְלִיכֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ, קוּמְט עֶר צוּ צוּ דֶעם אַז עֶר וֶוערְט אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, ווַייל עֶר מַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּזַאמֶען מִיט אִים זָאלְן נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי זִיסֶע אוּן הַארְצִיגֶע רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זַיינֶע גֶעפִילְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגָאסְן אַלֶע בְּרֶעגֶעס, עֶר אִיז מַמָשׁ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הִתְרַגְשׁוּת אוּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶענְקֵייט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר וֶוערְט אוֹיס, עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל, עֶר הָאט נָאר גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן, "גֶעוַואלְד! אִיךְ ווִיל לוֹיפְן אִין דִי גַאסְן אוּן שְׁרֵייעֶן גֶעוַואלְד! וָואס טְרַאכְטְן זֵיי?!"

פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת הָאט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט טַאקֶע גֶעוָואלְט לוֹיפְן אוּן שְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט, "שְׁטֵיי, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן!"

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## כאפ דעם ברעטל!

ווען קומסטו אמאל פאר א שבת?" איז מיך אויסגעקומען צו פרעגן א קרוב משפחה.

"המממ, וואס זאל איך דיר זאגן? גלייב מיר, אסאך מער וויפיל דו ווילסט מיר איינלאדענען וויל איך קומען, שוין פון פסח טראכט איך יעדע וואך אז די וואך קום איך אי"ה, אבער אייביג סוף כל סוף געבט זיך עס א לאז אויס מיט א גרויסע בוידעם...."

"איך וועל נאך קומען אי"ה..."

"מיין טייערער חבר אויב ווילסטו טאקע קומען, האב איך פאר דיר א גוטע עצה - בעט דעם אייבערשטן, זאג 'הייליגער באשעפער העלף מיר אז איך זאל קענען קומען פאר שבת!'"

"יא יא זיכער, בעטן דעם אייבערשטן, אהא אוודאי וואס איז די שאלה בכלל...."

"וואס האסטו אזוי מורא? זאג ארויס פון דיין מויל א קליינע פיצי תפילה - באשעפער העלף מיר איך וויל פארן פאר א שבת אין קאנטריי!"

ס'נעמט אסאך שנעלער ווי זיך אונטער שמייכלען 'אהעם אהא', יא, בעטן דעם אייבערשטן. "מ'קען מיינען ענק זענען עפעס בעל הבית אויפן אייבערשטן, איך ווייס אז איך קען בעטן דעם אייבערשטן... וואס מיינסטו איך ווייס נישט?"

"אוודאי ווייסטו!"

***

"אייבערשטער העלף א מנין, באשעפער העלף ס'זאל זיך מאכן דא א בעל תפילה, איינער זאל וועלן צוגיין. הייליגער באשעפער העלף אז די מנין זאל זיך שטעלן אין צייט..."

ס'איז נייע צייטן, ס'איז שוין דא א געהעריגע שמש אין ברסלב, וואס א טאג ס'גייט אריבער, ווערט ברסלב מער א נארמאלע פלאץ...

שוין דא א משמש וואס פארקויפט די עליות און קלאפט מיט די פושקע. דעם פארגאנגענעם פרייטאג האט מען זיך שוין געקענט איינהאנדלען ביים משמש פיינע גוטע שאקאלאד מיט קענדיס, און פארשטייט זיך אלע גליונות און אזוי אויך דעם הערליכן מאגאזין קרית ברסלב בלעטל מיט א גרויסן אויסוואל פון פילע קונטרסים וואס זענען מחיה אידישע קינדער און ווייזן פאר א מענטש 'ניין, דו ביסט נאך נישט דערנאך, קער זיך צוריק צום אייבערשטן, טו תשובה, הייב אן פון יעצט צו זיין אן ערליכער איד!

אלעס פונעם שמש איז געהעריג און נארמאל, אבער די אינטערעסאנטע נייע מנהג איז עפעס גאנץ אויפפאלנד, שוין צען מינוט בעפאר א מנין דארף זיך צו שטעלן, קען מען אים שוין הערן זיך אונטער מורמלען "באשעפער העלף אז ס'זאל צושטאנד קומען א מנין, באשעפער העלף איינער זאל זיין וויליג צו צו גיין צום ברעטל..."

***

"מיר זענען שוין נישט קיין קינדערלעך!"

"נאר וואס דען זענט איר?"

"מיר זענען שוין גרויסע בחורים!"

שכח אייבערשטער אז מיין קליינער צדיק מאטי נ"י פון כתה א' האט געהאט א חומש סעודה צוויי וואכן צוריק.

די חומש סעודה האט געהאט אלע טעמים, דער חשובער מלמד ר' בערל שליט"א וואס האט א גאנץ יאר אריינגעקנעטן אין די קינדער אזוי פיל יראת שמים, געלערנט מיט זיי די הייליגע עברי און יעצט האלט מען שוין דא, מ'שטייט שוין ביי די חומש סעודה. די פיצקעלעך וואס האבן מיט קוים אפאר חדשים צוריק נישט געקענט קיין צורת האות, פייערן שוין אז אט אט הייבט מען אן צו לערנען די הייליגע חומש!

דער ראש ישיבה שליט"א האט באשיינט די מעמד לכבוד די חומש סעודה פון זיין עלטסטן אייניקל הילד נחמן נתן בן הרב שלמה שליט"א.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ביי

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




די חומש סעודה די מעשה ווי אזוי רבי נתן ז"ע איז אריבער שמחת תורה די קלויז פון די האבן געקריגט אויף רבי נתן, און רבי נתן הערט ווי ס'באמבערט ארויס פון די פענסטער די אתה הראת מיט אזא התעוררות פון די צענדליגע מענטשן און רבי נתן האט געהאט חלישת הדעת פון דעם.

שפעטער האט רבי נתן געזאגט פאר די תלמידים "יא אוודאי, די אתה הראת האבן זיי, ס'קנאקט און זעצט, די פארענטשעס זענען געפאקט, די התעוררות שפירט זיך אין לופטן, די בילד פון די צענדליגע מענטשן קעפ אויף קעפ קוקט דאך אויס אזוי מעכטיג, אבער וואס איז פארן אתה הראת און נאכן אתה הראת ווייסט נאר דער אייבערשטער אליין."

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אן ערליכער איד וועט קיינמאל נישט רודפ'ן און טשעפען א צווייטן איד!

באלד איז די התעוררות אריבער און דו מוזט ווייטער צוריק אהיימגיין צו דיין פעקל, און אן די התחזקות פון הייליגן רבי'ן קען מען נישט לעבן!

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט אז די זעלבע איז דא ביי די חומש סעודה, אלע מאכן שיינע חומש סעודות, אבער וואס איז פארן חומש סעודה און וואס איז נאכן חומש סעודה?

דא זיצט א מלמד טאג נאך טאג מיט מסירת נפש און גרייט אן די קינדער פארן לעבן, בראקט אריין אין זיי די ריינע אמונה און יראת שמים.

דער מנהל הרב מרדכי שליט"א האט אויפגעטראטן און געזאגט אז דער הייליגער רבי זאגט "אמונה איז כמים לים מכסים, אמונה איז צוגעגליכן צו די וואסער. די וואסער פון אויבן איז איינ־פלאך - ס'קוקט אויס די זעלבע, אבער פון אונטער די וואסער איז שוין אינגאנצן אן אנדערע מעשה... ס'דא פלעצער ווי די וואסער איז גאר נידריג, ס'דא פלעצער ווי די וואסער איז גאר טיף, און ס'איז דא פלעצער ווי די וואסער איז נאך טיפער פון טיף..."

"די זעלבע איז מיט אמונה, אוודאי, אלע האבן אמונה, אפילו ביי די אומות העולם איז דא די זאך פון אמונה, אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט כסדר פארוואס איז די אמעריקאנער דאלער די חשוב'סטע געלט? ווייל אויף יעדן דאלער שטייט אויפגעשריבן 'מיר פארלאזן זיך נאר אויפן אייבערשטן'! אלע גלייבן, אלע האבן אמונה, אבער דאס איז פון אויבן, וואס טוט זיך אונטן? ווי טיף איז דיין אמונה? וויפיל מאל א טאג טראכסטו אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און אלעס איז נאר דער אייבערשטער, נישט דא גארנישט אויסער דער אייבערשטער!"

דער מנהל האט ארויסגעברענגט דאס אז די מלמדים אין ת"ת היכל הקודש ברסלב לייגן אריין אין די קינדער אזא טיפע אמונה אזש מ'לעבט מיטן אייבערשטן, וואס מ'דארף בעט מען נאר פונעם אייבערשטן און מ'ווייסט און מ'לעבט מיט דעם אז אלעס וואס פאסירט קומט פון דעם אייבערשטער!

ווער האט דעם נישט קיין אמונה? ברסלב איז בעל הבית אויפן אייבערשטן?

ניין! יעדער האט אמונה, אוודאי, וואס איז די שאלה, יעדער גלייבט אינעם אייבערשטן, אבער וויפיל לעבסטו מיט דעם? ווי נאנט ביסטו צום אייבערשטן? פארוואס איז דיר אזוי שווער ארויסצוזאגן פון דיין מויל 'אייבערשטער העלף'?

שכח אייבערשטער אז מיר לעבן דא אין היכל הקודש ביים רבי'ן וואס געבט אונז, נישט די אויבערפלעכליכע אמונה - יא אוודאי אלעס איז דער אייבערשטער, נאר די טיפע טיפע אמונה, איך לעב מיט דעם, איך אטעם דאס, איך בעט וואס איך דארף נאר פונעם אייבערשטן, איך האף נאר צום אייבערשטן, און איך פארלאז זיך נאר אויפן באשעפער!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# הפצה ווינקל

## בריון
### פונעם ראש ישיבה

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך בין זוכה צו לייגן גליונות יעדן פרייטאג אין די שולן פון מיין געגנט. איך דרוק עס ביי א לאקאלע בית הדפוס, און עס קאסט מיר געלט, וויל איך וויסן אויב איך מעג עס צאלן פון מעשר געלט.

אויך טראכט איך צו קויפן א פרינטער צו קענען אליין עס דרוקן, אויב מען מעג עס צאלן מיט מעשר געלט?

יישר כח

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך

יום ב' פרשת מקץ, כ"ח כסליו, ד' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו ביסט עוסק אין הפצה; דו פארשפרייטסט ווערכנטליך די גליונות אין שולן.

ווען א מענטש גייט הפצה איז א סימן אז ער האט ליב דעם אייבערשטן; דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "וואס איז דער סימן אז מען האט ליב דעם טאטן [דעם אייבערשטן]? אז מען האט ליב די קינדער [אידישע קינדער]"; אז מען גייט הפצה, מען גייט ארויס פון די באקוועמליכקייט פאר א צווייטן, מען וויל נאך א איד זאל לעבן א חיים טובים, נאך א איד זאל האבן אמונה אינעם אייבערשטן, נאך א איד זאל וויסן פונעם רבינ'ס וועג פון לערנען (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו) - ווייזט מען אז מען האט ליב א צווייטן איד און אז מען האט ליב א צווייטן איד ווייזט מען מיט דעם אז מען האט ליב דעם אייבערשטן.

אודאי קענסטו נעמען מעשר געלט פאר הפצה; פארשפרייטן דעם רבינ'ס ספרים איז די גרעסטע צדקה. דער הייליגער רבי נתן זאגט (ליקוטי הלכות ברכת השחר ה, לו) אויפן פסוק (תהלים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם", ווי אזוי קען מען טון צדקה עס זאל בלייבן אויף שטענדיג? דורך 'וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת'; "עַל יְדֵי שֶׁנּוֹתְנִין צְדָקָה לְחַבֵּר סְפָרִים וּלְהָאִירָם בָּעוֹלָם לְבָאֵר דִּבְרֵי הַתּוֹרָה", אז מען געבט צדקה צו דרוקן ספרים וואס מאכן ליכטיג די וועלט, ספרים וואס ברענגען אריין א חשק צו לערנען; אז מען דרוקט וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת, דעמאלטס איז צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות
### אשר בנחל

דער גבאי מו"ה לייבי הי"ו הערט כסדר מעשיות פון אידן וואס ווערן געהאלפן אין אלע תחומים, שידוכים, פרנסה, ישועות, נחת, און אזוי ווייטער דורך דרוקן די ספרי אשר בנחל, אבער רוב פון די מעשיות קען מען בכלל נישט מפרסם זיין, וויבאלד עס רעדט זיך פון פערזענליכע מעשיות.

די וואך אבער - האבן מיר אן עדות פונעם ראש ישיבה שליט"א, דורך א בריוו וואס ער האט אונז געשיקט. די ווערטער רעדן פאר זיך אליינס.

*בס"ד*

*כ"א סיון, ג' שלח ה'תשפ"ה*

*לכבוד מיין טייערע לייבי נ"י*

*דאס געבן צדקה צו דרוקן ספרי אשר בנחל ארבעט וואונדערליך. אזוי ווי איך האב ארויסגעזאגט "איך בין מנדב פינף הונדערט דאלער צו דרוקן ספר הקדוש אשר בנחל, זאל זיין א זכות לרפואה פאר איינע פון מיינע קינדערלעך", איז די גאנצע ווייטאג פארשוואונדן געווארן, און אלע זענען ברוך השם געזונט.*

*קענסט מפרסם זיין די מעשה, מענטשן זאלן וויסן אז די הבטחה פון צדיק "ווער עס וועט דרוקן ספרי אשר בנחל וועט זען ישועות."*

*שטארק זיך ווייטער מיט צוזאם נעמען צדקה פון אנשי שלומינו פאר הדפסה.*

כאפט אריין ישועות און רפואות, רופט אן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347.578.4449, און זייט מנדב פאר אשר בנחל, און זייט זוכה צו געניסן פון די "הבטחה" וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מנדב זיין פאר אשר בנחל וועט זען זיכערע ישועות.

צו איבער לאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347.578.4449

**צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר**

EMAIL: SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG | CALL \ MESSAGE: 718.387.2691

## על ידי הפצת ספרי רבינו
## נביא את משיח צדקינו

# נייעס
פון קרן הדפסה

### ותחיין את הילדים חלק ב׳ גייט שוין כמעט צום דרוק

ווי שוין באריכטעט א צייט צוריק האט זיך די קרן הדפסה אונטערגענומען דעם געוואלדיגן פראיעקט פון דרוקן די שיעורים פון ראש ישיבה אויף חינוך אין א ספר.

די שיעורים זענען גאר שטארק אויפגעכאפט אויף דער וועלט, טויזנטער אידן, צווישן זיי טאטעס, מאמעס, מלמדים, מנהלים, מגידי שיעור און ראשי ישיבה, אלע וואס האבן נאר געהערט די שיעורים זאגן עדות אז עס האט געטוישט זייער בליק אויף חינוך, עס האט זיי געגעבן א פרישע חיות און געשמאק און חינוך, און זיי אויסגעקלארט וואס איז די אויפגאבע וואס דער אויבערשטער האט אויף זיי ארויפגעלייגט, און זיי שפירן א זכי׳ צו קענען אויספירן דעם אויבערשטנ׳ס שליחות, און איבערגעבן די ריינע אמונה, אויפבויען די קינדער פיזיש און גייסטיש, און אנגרייטן דעם קומענדיגן דור פון געטרייע סאלדאטן אינעם אויבערשטענ׳ס ארמיי.

דער צווייטער באנד וועט הייסן ״מהדרות זוסמאן״, אויפן נאמען פונעם נדבן מו״ה אשר לעמל זוסמאן ני״ו וואס האט געהאט די זכי׳ אפצוקויפן דער זכות. מען קען נאך קויפן זכותים פון פרקים. דער ספר פארמאגט 15 פרקים און צען זענען שוין אויסגעכאפט, איר קענט נאך זוכה זיין צו קויפן איינע פון די 5 איבערגעלבענע פרקים פאר בלויז טויזענט דאלער.

יעדער פון אנשי שלומינו - וועט אבער זיכער מאכן נישט ארויסצופאלן פון קויפן לכל הפחות א זכות אינעם ספר. פאר בלויז $500 קענט איר באקומען א זכות אינעם ספר, וואס דאס איז די בעסטע אינוועסטמענט וואס איר קענט נאר מאכן, אן אינוועסטמענט וואס וועט וואקסן נאנסטאפ, און דער זכות וועט אייך זיכער אנטקעגן קומען בזה ובבא.

רופט שוין דעם גבאי מו״ה לייבי ראטה הי״ו צו קויפן א זכות אויף 347-578-4449.

# בילדער
פון קרן הדפסה


געדרוקט נייע חינוך קונטרס ״נישט סיסטעמאטיש״


איבערגעמאכט רוסישע מיט פראנצויזישע קונטרסים


צוויי סייזעס לעמינעידעט תיקון הכללי

# אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **אברהם אלי פרידריך**<br>קרית ברסלב | **יחיאל הורוויץ**<br>לאנדאן | **נחמיה דייטש**<br>וויליאמסבורג |
| **לייבי ליבערמאן**<br>טאמס ריווער | **ישראל פוקס**<br>קרית ברסלב | **שלמה יאקאבאוויטש**<br>קרית ברסלב |
| **משולם פייש פעלבערבוים**<br>קרית ברסלב | **ישראל משה גאלדמאן**<br>מאנסי | **שאול חיים איינהארן**<br>סטעטן איילענד |
| **לוי יצחק זאפיר**<br>בארא פארק | **חיים ישעי׳ דעפריס**<br>קרית ברסלב | **זושא פריעדמאן**<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

PHONE 718.387.2691. #103 | EMAIL: DONATE@KERENHADFUSA.ORG | MESSAGE: 347.578.4999



# אַרײַנְנֶעמֶען עֶלְטֶערְן אִין קַאנְטְרִי?

## שאלה

**מַיין שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ קוּמֶען צוּ אוּנְז אִין אוּנְזֶער קְלֵיינֶע פַארְשְׁטוּפְּטֶע בָּאנְגֶעלָאוֹ אוֹיף שַׁבָּת, מִיט מַיין מַאנְ'ס הַסְכָּמָה.**

**דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אִיךְ פִּיל וִוי סַיי מַיין שְׁוֶוער און סֵיי מַיין שְׁווִיגֶער וֶועלְן זַיין אִין מַיין נָאז אַ גַאנְץ שַׁבָּת און זוּנְטָאג, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע פְּרִיוַואטְקֵייט, אִיךְ גֵיי דַארְפְן שְׁלָאפְן אִין דִי קָאךְ מִיט אַ פּוּרְהַאנְג, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דְרֵייעֶן בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט אִין מַיינֶע אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת, אִיךְ גֵיי שְׁפִּירְן וִוי אַ פְרֶעמְדֶער גַאסְט אִין מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, אִיךְ גֵיי זַיין וִוי אַ שְׁטִיקְל מִיסְט, בְּלוֹיז וַוייל מַיין מַאן וִויל גֶעבְּן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַ שַׁבָּת וַואקַאצִיעֶ.**

**בִּין אִיךְ מְחוּיָב נָאכְצוּגֶעבְּן צוּ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, נָאר וַוייל מַיין מַאן וִויל אַזוֹי? וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נֶעבְּן מִיר, בִּין אִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף מַיין רוּאִיגְקֵייט, מַיין "סְפֶּעיס", און דָא זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מַצָּב וִוי אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען? אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט זֵיי בִּכְלַל, און אַ קְלֵיינֶע בָּאנְגֶעלָאוֹ נָאךְ אוֹיךְ, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? אִיךְ מֶעג אַרָאפְּשְׁטֶעלְן קְלָאר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים? אִיז עֶס גֶערֶעכְט? אִיךְ טְרַאכְט אַז מַיין מַאן קֶען מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דֶעם. יְיַשֶׁר כֹּחַ.**



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נִישְׁט מְחוּיָב דָאס צוּ טוּן, אִיר דַארְפְט דָאס נִישְׁט טוּן; דִי שְׁאֵלָה אִיז, וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶוען אִיר וֶועט זַיין דִי אַלְטֶע בַּאבֶּע און אַייעֶר מַאן - דֶער זֵיידֶע, און אִיר וֶועט זוּכְן זוּמֶער אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין; אִיר וֶועט זִיךְ זִיכֶער מְחַיֶּ' זַיין אוֹיבּ אַייעֶר קִינְד וֶועט זִיךְ צַאמְקְוֶועטְשְׁן פַאר אַ שַׁבָּת, אַייךְ אַרַיינְנֶעמֶען און אַייךְ מַאכְן בַּאקְוֶועם.

עַל פִּי הֲלָכָה קֶענְט אִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ", "עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ שְׁלָאפְן אִין קָאךְ מִיט אַ פִירְהַאנְג וְכוּ' וְכוּ'", אָבֶער וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערְן... דָאס לֶעבְּן אִיז דָאךְ נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען קֶען מְחַיֶּ' זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ, מֶען וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַבֵּד עֶלְטֶערְן, דַאן וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף אַזוֹי הֵיילִיג און אַזוֹי גֶעזוּנְט; זֵיי וֶועלְן אַייךְ אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלֶע מַיינֶע יָארְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען מַיין בַּאבֶּע, מָרַת רָחֵל לֵאָה טֵייטֶלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי פְלֶעגְט אַיינְשְׁטֵיין אַ הַאלְבֶּע זוּמֶער בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן; מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ בָּאנְגֶעלָאוֹ, זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר שְׁלָאף שְׁטוּבּ פַאר אִיר, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁלָאף שְׁטוּבֶּער, דִי בֶּעסְטֶע שְׁטוּבּ הָאט מֶען אִיר גֶעגֶעבְּן, און מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א און מַאמֶע תְּחְיֶ' הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז אוּנְז קִינְדֶער נִיטְאַמָאל אַיינְגֶעפַאלְן אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן נִישְׁט, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אַלֶע טוּעֶן אַזוֹי, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז בַּיי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן דֶער עִיקָר פוּן דִי לֶעבְּן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז, פַארְוָואס דַארְף דָאס זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ? פַארְוָואס זָאל מֶען דָאס נִישְׁט וֶועלְן טוּן מִיט שִׂמְחָה?! עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט דִי מִצְוָה - וֶועט אִיר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דַארְפְן מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אִיר וֶועט הַנָּאָה הָאבְּן פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

# סעודה מיטן ראש ישיבה

שבועות תשפ"ה חלק 2
איבערגעגעבן דורך י. פ.



**ב"ה איך האב נאכאמאל זוכה געווען צו זיין ביים ראש ישיבה שבועות ביי די סעודה. איך וויל טאקע מיטן אייבערשטן'ס הילף מיטטיילן פאר די ליינער ווי אזוי עס האט אויסגעזען די סעודה, אבער אזוי ווי ביי די סעודה האט זיך געפונען נאך א חשובער אינגערמאן וואס ער איז געווען די ערשטע מאל ביים ראש ישיבה אין שטוב אויף א סעודה מיט זיין משפחה, וועל איך אים איבערגעבן דאס ווארט, ער וועט פארציילן ערשטהאנטיג וואס ער האט דארטן געזען.**

**אזוי ווי עס איז געווען פאר אים די ערשטע מאל וועט ער אפשר קענען ארויסברענגען מער זאכן וואס נישט יעדער כאפט אויף. ואינו דומה פעם ראשון לשאר פעמים.**

## א פשוטע סעודה

איך ווייסט נישט צו ס'איז שייך אראפ צו געבן ווי אזוי די סעודה איז געווען ווייל ס'איז געווען אזוי פשוט און נאטירליך אז איך פיל ווי ס'איז גארנישט געווען - אבער ס'איז אלעס געווען, אפילו מען האט געשמועסט און ס'איז טאקע געווען אפאר שיינע שיחות - וואס מיר וועלן באלד אי"ה איבערגעבן - אבער נישט דאס איז בכלל געווען וואס די סעודה האט געזאגט, אויב מ'קען מגדיר זיין וואס די סעודה איז געווען וואלט איך געזאגט איין ווארט "פשוט פרייליך" באמת א פשוטע סעודה, אבער טאקע די פשוטע סעודה איז א לימוד וואס איך פיל ווי ס'האט געטוישט מיין בליק אויף די וועג ווי אזוי מען גייט צו צו א יו"ט/שבת'דיגע סעודה.

דער ראש ישיבה איז געזיצן מיט זיין משפחה און מיט די געסט פשוט און געשמאק, געגעסן, פארברענגט, געשמועסט, און געשמייכלט, די שמועסן זענען געפארן נאטירליך פון איין ענין צום צווייטן, וואס ס'איז אינטער געקומען רואיגערהייט אן קיין שום פרעשור אז מען דארף זיך דא יאגן אדער עפעס קאווערן. די לופט איז געווען אויפגעלאזט און רילעקסט, אבער ס'איז געווען עפעס אויסטערליש פרייליך.

די געפיל איז געווען אז יעצט איז גארנישט דא וואס צו טון, מ'עסט און מ'איז פרייליך יו"ט, און מ'דאנקט דעם אייבערשטן. במשך פון די גאנצע סעודה איז נישט געווען עפעס עקסטער, די אלע זאכן וואס מ'שרייבט

אלץ אינעם בלעטל אז דער ראש ישיבה טוט ביי די סעודה וואס איך האב זיך גערישט אז ס'וועט זיין, איז נישט געווען, מ'האט נישט געמאכט קיין פלעיס, נישט פארציילט קיין דראמאטישע מעשיות פאר די קינדער, אז ס'איז אריין געקומען א מעשה האט מען דאס פארציילט, אבער נישט פארפעשענל און נישט דראמאטיש, נישט געזאגט עפעס עקסטערע תורות, אפילו נישט געזינגען עפעס ספציעל ניגונים, מהיכי תיתי דא דארט געזינגען עפעס א ניגון'דל אבער נישט אזוי ווי מ'זעצט זיך אראפ און מען גייט דא זינגען שיינע ניגונים לכבוד יו"ט, נאר פשוט געגעבן א הייב אן א ניגון און אז ס'איז געגאנגען אז דער עולם האט מיט געזינגען האט מען ווייטער געזינגען, און אז ס'איז נישט געפארן איז נישט, מען האט ווייטער פארברענגט און געשמועסט רואיגערהייט.

אויך האב איך באמערקט ווי דער ראש ישיבה מאכט זיכער אריינצונעמען אין די שמועס יעדן איינעם, געגעבן דא דארט דעם עפעס א פרעג, דעם עפעס א זאג, אלעס מיטן פילסטן כבוד און רעספעקט, אבער אלעס פשוט און נאטירליך.

## הכנה צו די סעודה

אנפאנג ווען מען איז ארויף געקומען אין שטוב האט דער ראש ישיבה געגעבן פאר יעדן איינעם א פלאץ צו זיצן. די געסט האבן זיך אראפגעזעצט, געשמועסט, זיך באקאנט געמאכט איינער מיטן צווייטן, אדער געזאגט משניות. דער ראש ישיבה אליינס איז געווען פארנומען אנצוגרייטן צו קענען אנפאנגען די סעודה, ער האט אנגעגרייט די לעכט, נאכדעם האט ער אליינס געברענגט די חלה דעקלעך, מעסערס און געלייגט ביי יעדן'ס פלאץ ,ער האט געזאגט פאר די קינדער צו ברענגען די גלעזלעך וכדומה, מיר האט דער ראש ישיבה געגעבן א פלאץ אז ס'זאל זיין צוויי ליידיגע פלעצער ארום מיר פאר מיינע צוויי קינדער.

ביים אנגרייטן די לעכט האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ווען ס'קומט אמאל אויס מאיזה סיבה שהוא אז א מאן דארף אנצינדן לעכט, צו דעמאלט האט ער אויך די כח אויסצובעטן ביי לעכט בענטשן אזוי ווי די פרוי? האט דער ראש ישיבה געזאגט "וואס איז די שאלה?" ווי איינער זאגט 'זיכער'! נאכדעם האבן די פרויען געצינדן לעכט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט קידוש מיט א דערהויבענקייט און פרייליכקייט, אבער אלץ פשוט - א פשוטע קידוש נישט עפעס קיין ספעציעלע נוסח וכדומה. דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט פאר קידוש צו איך וויל אליינס מאכן קידוש, ער האט געזאגט אז ער איז נישט מקפיד אז מען זאל דווקא יוצא זיין פון אים.

## געדולד צו די קינדער

ביי די גרעיפ דזשוס האט איינע פון די קינדער געזאגט אז ס'איז אלט, דער ראש ישיבה האט דאס באקוקט און האט געזאגט אז ס'קוקט אויס גוט! און ער האט צוגעלייגט אז מען האט דאס געקויפט געהעריג אין גראסערי, אבער דאס קינד איז נאכאמאל צוריקגעקומען זאגנדיג אז די קאליר איז אנדערש ווי געווענליך, האט דער ראש ישיבה געזאגט 'גיב מיר אהער די באטל', ער האט אויפגעהויבן די באטל און רואיגערהייט געוויזן פארן קינד "זעסט, אז מען דרייט איבער די באטל און מען זעט אז ס'איז נישט אנגעקלעבט רויט אויף די באטל איז א סימן אז ס'איז נאכנישט אלט".

ס'איז מיר געווען אינטערעסאנט ווי אזוי דער ראש ישיבה האט זיך אפגעגעבן מיט אים רואיגערהייט און שיין מסביר געווען מיט ליבשאפט. די געשמאקייט ווי אזוי דער ראש ישיבה האט גערעדט צו אים, איז אסאך מער ווערד געווען פארן קינד ווי א גאנצע באטל גרעיפ דזשוס.

די קינדער האט דער ראש ישיבה אליין געוואשן, אזוי איז אויסגעקומען אז אלע קינדער זענען שוין געזיצן אנפאנג פון די סעודה, און יעדער האט צוזאמען געגעסן חלה, פיש און דיפס אינאיינעם, אבער נאכדעם זענען די יונגערע קינדער געגאנגען און געקומען פון טיש צום פלעי רום, אהין און צוריק, דער ראש ישיבה האט נישט געמאכט קיין עסק דערפון, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו מיר "זעסט, די קינדער גייען און קומען, אזוי מאכט מען א סעודה!"

דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעלאזט צו מיינע קינדער און געגעבןאויפמערקזאמקייט. למשל איינע פון מיינע קליינע קינדער הייסט מרדכי דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט, האט ער געזאגט מרדכי! האט דער ראש ישיבה געזאגט "נישט מרדכי, מרדכי הצדיק" און

> **איין טאג האקט מען אויף דאס איז דאס די זאך, איין טאג הערט ער פארקערט, דרייט ער ארום די אנדערע וועג, מען מוז האבן אן ערליכער איד.**

דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט ווי אזוי זיין קליינע שוועסטער הייסט? און אין וועלכע כיתה ער גייט? און אזוי ווייטער. איך האב געזאגט פארן ראש ישיבה אז מרדכי מאכט א סיום אויף תהלים צום צווייטן מאל, און געפרעגט צו מארגן גייט אויך זיין סיומים ביי די קידוש? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז היינט די ערשטע טאג צופרי האט ער נישט געוואלט אויפהאלטן דעם עולם מיט אזוי סאך סיומים אבער די צווייטע טאג איז שוין נישט אזא לאנגע דאווענען, עס איז נישט דא קיין אקדמות, רות נעמט נישט אויף אזויפיל צייט אויב מען פארקויפט שוין דעמאלט די עליות, בכלל שטעלט מען זיך דאווענען פריער ווייל מ'איז נישט אויף די גאנצע נאכט.

## געזינגען ביי פתיחות הארון

איך האב פארציילט פארן ראש ישיבה אז ווען מ'האט געעפנט די ארון קודש האב איך געוואלט אז מען זאל נאך אביסל לאזן אפן די ארון קודש ווייל איך האב נאך געהאט זאכן וואס איך האב געוואלט בעטן דעם אייבערשטן ביים אפענעם ארון קודש, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז

דער ראש ישיבה זאל זינגען די ניגון יהא רעוא - די ניגון וואס דער ראש ישיבה האט געזינגען פאר יו"ט ביים שיעור מיט די בחורים - די רגע וואס איך האב געענדיגט בעטן דעם אייבערשטן האט טאקע דער ראש ישיבה אנגעפאנגען די ניגון. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אויף דעם: "ס'איז מיר נאך קיינמאל נישט איינגעפאלן צו זינגען ביי פתיחות הארון - א מעשה פון תפילה" (אגב, ווען דער ראש ישיבה האט טאקע אנגעפאנגען דעמאלט צו זינגען און איך האב געזעען ווי מיין תפילה איז נתקבל געווארן, האב איך געשפירט אזא גלעט פונעם אייבערשטן אז מיין הארץ האט זיך געעפנט און מיינע אויגן האט אנגעפאנגען צו גיסן טרערן צום אייבערשטן פון ליבשאפט).

נ"ב. די צווייטע טאג שבועות ביי די דרשה האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה פון תפילה.

ווען איך בין געקומען האב איך מיטגעברענגט א סאוער דוי חלה און דאס אריינגעשיקט אין קאך, ווען דער ראש ישיבה האט אנגעגרייט די חלות האט ער דאס געלייגט אינטער מיין חלה דעקל, שפעטער ביים אויפשניידן די חלה האב איך אים דאס צוריק געגעבן און געזאגט אז איך האב דאס געברענגט פארן ראש ישיבה, האט דאס דער ראש ישיבה אויפגעשניטן און געמאכט זיכער צו עסן דערפון, נאכדעם האט ער געשניטן פאר מיר א סלייס ווייסע חלה און מיר געזאגט "דו דארפסט אויך קאסטן פון מיינע".

## א רפואה פארן גוטן שכן

דער ראש ישיבה האט פארציילט איבער א שכן זיינער וואס דארף א רפואה, און ער בעט טאקע פאר יענעם ער זאל האבן א רפואה שלימה. יענער שכן - האט דער ראש ישיבה פארציילט - האט אים איינמאל ממש געראטעוועט, ווייל איינער פון די בעלי מחלוקת האט איינמאל אנגעטראפן דעם ראש ישיבה אויף א ליידיגע פלאץ און האט אים אנגעפאנגען ממש צו דערווערגן, און דער שכן איז אנגעקומען און ער האט אים ממש מיט כח געראטעוועט.

דער שכן קומט אויך פון די קהילה וואס דער ראש ישיבה איז דארט געווען מנהל, און ער האט געזאגט "וועגן די ראשי קהילה האבן עפעס א סיכסוך מיט אים, מוז ער נאכנישט אויפגעבן און פארלירן אזא גוטע שכן" אויך האט ער געגעבן געלט פארן ראש ישיבה און געזאגט פארן ראש ישיבה "דו האסט דאך פארלוירן דיין ארבעט, דו האסט נישט קיין פרנסה וויל איך דיר געבן געלט" האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער איז מסודר - ער דארף נישט קיין געלט. האט דער שכן געזאגט "ניין, דו האסט נישט קיין געלט, נאר דו ווילסט נישט נעמען ווייל דו ווילסט נישט זיין קיין נצרך לבריות, אבער אזוי ווי דו האסט א רבי גיי פרעג דיין רבי צו די זאלסט נעמען די געלט אדער נישט". האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ער איז טאקע געגאנגען פרעגן מוהרא"ש צו ער זאל נעמען די געלט האט אים מוהרא"ש געזאגט "אז מ'געבט דיר געלט זאלסטו דאס נעמען, דאס הייסט נישט נצרך לבריות, נצרך לבריות איז אין מח.

דער ראש ישיבה האט אויך פארציילט אז ער האט א חבר וואס האט געהאט יענע מחלה אויף א זייער א שווערע וועג רחמנא לצלן, אזוי ווייט אז די דאקטורים האבן געזאגט אז דאס איז דאס, עס העלפט שוין נישט קיין טריטמענטס. זיין ווייב איז געקומען זיך אויסוויינען צום ראש ישיבה אויף איר מצב. דער אינגערמאן האט געזאגט "לאזט מיך אפ פון די גאנצע זאך, די דאקטורים זענען נישט די וואס זענען מחליט ווער ס'זאל בלייבן לעבן". ער האט אנגעפאנגען גיין נאך צדקה פאר הכנסת כלה און העלפן חתנים גיין נאך געלט, און היינט איז ער כאחד האדם, ער האט שוין געהאט זייט דעמאלט נאך אפאר קינדער און ס'פעלט אים גארנישט "נסים ונפלאות".

האט דער ראש ישיבה'ס ווייב געפרעגט צו ער איז שוין אינגאנצן ארויס דערפון? האט דער ראש ישיבה געזאגט מיט א פשטות "יא ב"ה, נאטירליך מיט תפילה!" מיר האט דאס זייער געכאפט ווי אזוי ביים ראש ישיבה איז דאס געווען אזא פשוטע זאך, ער האט דאס אזוי נאטירליך געזאגט "מיט תפילה", אפילו איך מאך שוין ב"ה התבודדות אפאר יאר, אבער דא ווי אזוי דער ראש ישיבה האט דאס געזאגט האב איך געכאפט אז ס'איז טאקע אזוי פשוט - מען בעט דעם אייבערשטן, איך האב דערהערט אז מען דארף נישט קיין גארטל צו בעטן דעם אייבערשטן, נאר סתם ס'איז א פשוטע זאך - מען בעט דעם אייבערשטן און ער גיט.

## גדלות המוחין

איינע פון די קינדער האט געפרעגט צו ס'איז דא נאך חלה נאכדעם וואס די חלה פון טיש איז שוין געווען אויסגעניצט, האט דער ראש ישיבה געזאגט "ס'איז דא גענוג און נאך", און ער האט געזאגט פאר איינעם ברעג אריין נאך א חלה! די וועג ווי אזוי ער האט דאס געזאגט איז געווען מיט אזא ברייטקייט מיט א גדלות המוחין, מ'האט שוין אפילו נישט געדארפט אזוי וויכטיג די חלה, די עיקר די וועג ווי אזוי ער האט געענטפערט האט געמאכט די מח ברייט.

דער ראש ישיבה האט געגעבן א גוט ווארט און געזאגט פאר זיין ווייב אז די פיש איז זייער גוט.

## סיפור התקרבות

ערגעץ אינצווישן די סעודה האט דער ראש ישיבה געפרעגט איינע פון די געסט ווי לאנג ער הערט שוין די שיעורים, האב ער געזאגט זעקס יאר האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווי איינער וואס איז זייער פארווינדערט "זעקס יאר הערסטו שוין די שיעורים?"

דער ראש ישיבה האט אים אויסגעפרעגט ווי אזוי ער איז מקורב געווארן, האט ער פארציילט אז ער האט געהאט א חבר אין כולל א אינגערמאן וואס איז מקורב, אבער דער חבר האט גארנישט גערעדט. איינמאל האט אים א צווייטער אינגערמאן פארגעהאלטן אז ער לערנט מיט די חבר וואס איז א תלמיד פונעם ראש ישיבה, ער האט זיך זייער געוואונדערט אז ער איז א תלמיד פונעם ראש ישיבה, ער האט געמיינט אז דער ראש ישיבה'ס תלמידים זענען מאדערן מיט רויטע קאפלעך, עפעס אזוי האט ער פארשטאנען פון ווי אזוי מענטשן שמועסן וועגן די ישיבה.

ער האט נישט געוויסט אז לא דובים ולא יער סאיז פאלשע לשון הרע'ס וואס האט נישט קיין הענט און קיין פיס, ער האט פשוט נישט געוויסט די מציאות אז תלמידי היכל הקודש זענען ערליכע איידעלע אינגעלייט פיל מיט יראת שמים און סיפוק החיים, ממילא האט ער זיך געוואונדערט וואס האט א נארמאלע ערליכע אינגערמאן מיט די שיעורים פונעם ראש ישיבה?

האט ער אנגעפאנגען צו פרעגן זאכן פון זיין חברותא וועגן דעם ראש ישיבה, אבער זיין חבר האט נישט געפילט וויכטיג אריינצוגיין אין קיין וויכוחים, איז אים דאס געווארן מער אינטערעסאנט אז ער זעט אז זיין חבר איז אזוי שטארק מיט זיך ער ווייסט וואס ער וויל און ער גייט זיך זיין וועג, ער איז נישט דא זיך צו פארהערן און פארענטפערן, דאס האט אים געמאכט נייגעריג אויסצוהערן די שיעורים. ביז ער האט געזען אז ס'איז דא א שיינע וועג צו זיין אן ערליכער איד און אויך לעבן אויף די וועלט און שפירן אייבערשטער

## א מדריך

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וועגן די חינוך שיעור וואס ער האט געגעבן אין לעיקוואד וואס איז די מעשה? פון וואסערע מוסד רעדט מען? האט דער ראש ישיבה פארציילט אז א חשובע תלמוד תורה וואס איז כלל חסידי - עס געהערט נישט צו קיין חסידות, ס'איז א פריוואטע מוסד און די מנהל וויל אז די תלמוד תורה זאל געפירט ווערן ריכטיג מיט א הדרכה וואס מ'זעט אין די גליון שיעורי חינוך, האט ער געבעטן אז דער ראש ישיבה זאל געבן הדרכה פאר זיינע מלמדים.

האט איינער געפרעגט וואס איז בעסער, מענטשן וואס באלאנגען נישט אין ערגעץ, און זיי וועלן ענדערש אריינקוקן אין א בלעטל, און ס'איז דא מער שאנסן אז זיי זאלן מקורב ווערן, אדער א מענטש וואס ער האט זיין פלאץ, ער איז מסודר, ער דארף נישט קוקן אין קיין בלעטלעך פון קיין אנדערע חסידות? אפשר איז טאקע מער בעסער די מענטשן וואס באלאנגען נישט אין ערגעץ, ווייל זיי האבן מער שאנסן צו מקורב ווערן צום רבי'ן?

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ניין, מען מוז האבן עפעס א מדריך צו א רבי - א דעת תורה - א ראש ישיבה - א דיין - איינער פון וועם מען נעמט הדרכה, וואס דען פירט ער זיין שטוב לויט ווי אזוי מען שמוסט אין קאווע שטיבל? איין טאג האקט מען אויף דאס איז דאס די זאך, איין טאג הערט ער פארקערט, דרייט ער ארום די אנדערע וועג, מען מוז האבן אן ערליכער איד.

צווייטנס, דער רבי איז נישט דא דיך אוועק צו נעמען פון דיין חסידות פון דיין פלאץ, בלייב ווייטער ווי דו ביסט און רעדט צום אייבערשטן, בלייב ווייטער ווי דו ביסט און זיי מכבד דיין ווייב, די גליונות וואס מען איז מפיץ איז נישט אוועק צו שלעפן מענטשן פון זייער פלאץ!

נאר וואס דען? מענטשן גייען נעבעך אדורך אזעלכע ביטערע שוועריקייטן, אינדרויסן זעט מען גארנישט, און מען דארף זיי ברענגען דעם הייליגן רבינ'ס עצות מען זאל האבן א וועג צו לעבן, אז דו האסט געטראפן א רבי וואס לערנט דיר צו קענען אדורך שווימען דיינע פראבלעמען, און גיט דיר אזא זיסע וועג אין לעבן זאלסט זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, זאלסט לערנען יעדן טאג תורה, פארוואס זאלסטו נישט העלפן נאך מענטשן זאלן אויך וויסן פון די לימודים, פארוואס זאל נישט יעדער האבן א זיס לעבן".

## זוהר שיעור

עפעס איז אריינגעקומען א שמועס פון די זוהר שיעור אז מען לערנט זוהר שבת צופרי אין וואלד, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דא האט ער הנאה אז ער קען לערנען אין וואלד און ער שטערט קיינעם נישט פון לערנען די אייגענע שיעורים, ווייל אין שטאט איז דא אינגעלייט וואס ווילן לערנען פארן דאווענען זייערע אייגענע שיעורים, אבער זיי זעען אז דער ראש ישיבה גיט א שיעור אין זוהר מיינען זיי אז ס'איז נישט קיין דרך ארץ זיי זאלן נישט זיין ביים שיעור (אבער באמת וויל דער ראש ישיבה אז יעדער זאל ווייטער קענען לערנען זיינע אייגענע שיעורים וואס ער וויל לערנען פארן דאווענען) פארדעם אסאך מאל אינמיטן לערנען זאג דער ראש ישיבה גייטס לערנען! איך לערן נאר מיט מיין זון! ס'איז נישט קיין שיעור! ווייל ער וויל נישט אוועק נעמען פון די אייגענע שיעורים פון ווער ס'וויל לערנען פאר זיך.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז וועגן די סיבה האט ער אויפגעהערט צו מאכן שבת התוועדות'ן כאטש וואס איז א גוטע זאך עס זענען דא אסאך מקורבים וואס זענען מקורב געווארן נאר פון א שבת התוועדות, עס איז דא אן א שיעור מענטשן וואס האבן אנגעפאנגען לערנען ש"ס פון א שבת התוועדות מלוה דמלכה, אבער אזוי ווי עס איז געווארן א קהילה, און מענטשן מיינען אז די קהילה מאכט א שבת התוועדות מוז איך שוין גיין, וועגן דעם האב איך דאס מבטל געווען. אזוי אויך נאך אזעלכע זאכן, למשל די זומער שיעורים יעדע נאכט האב איך אויפגעהערט, איך מאך עס נאר פאר די בחורים.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די מלוה דמלכה'ס זומער האב איך אויך געוואלט מבטל זיין, אבער דאס האט מען געבעטן מ'זאל דאס יא ווייטער אנהאלטן, וואס דא פיל איך אויך ווי מענטשן טראכטן אז זיי מוזן קומען, און ס'איז דא מענטשן וואס ביי זיי מוצאי שבת איז מען מאכט הבדלה מען עסט א כזית מען גייט שלאפן, און מען שטייט אויף פרי צו לערנען, פארוואס זאלן זיי מיינען אז די קהילה מאכט מלוה דמלכה און מען דארף קומען?

אבער למעשה איז דא פארקערט, מען פארציילט מיר ווי אינגעלייט גייען פארברענגען מוצאי שבת'ים נישט אויף קיין יראת שמים'דיגע פלעצער, ממילא איז יא ווכיטיג אז ס'זאל זיין מלוה דמלכה'ס, אבער יעדער דארף זיך מאכן זיינע חשבונות וואס ער האט צו טון, איך וויל נישט מען זאל מיינען אז יעדער מוז דא קומען. פאר מיר איז זייער שווער די מוצאי שבתים, איך דארף מיך ציפן די באקן נישט צו איינשלאפן.

## זיך פריילִיך מאכן

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין איידעם הרב נתנאל שליט"א ביסט פריילִיך מיטן יו"ט? האט ער געענטפערט איך בעט דעם אייבערשטן צו זיין פריילעך! דער ראש ישיבה האט הנאה געהאט פונעם תירוץ.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זיך נעכטן זייער געדריקט צו ווערן פריילִיך ער האט נישט געפילט קיין שמחה, און ער האט צוגעלייגט אז אפשר איז די סיבה ווייל ער איז שוין א וואך צייט נישט געשלאפן געהעריג, אבער די נאכט איז ער שוין געשלאפן דריי שעה, ממילא איז אים שוין געווען גרינגער צו זיין פריילִיך (עס איז אינטערעסאנט ווייל אין בית המדרש האט דער ראש ישיבה יעדן פריילִיך געמאכט, בפרט נאך תיקון ליל שבועות האט דער ראש ישיבה געטאנצן און געמאכט פריילִיך אז יעדער וואס איז דארטן געווען איז געווארן פריילִיך).

## אידן עסן גוטע זאכן

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט אייס קרים פאר די קינדער, דער ראש ישיבה האט אויסגערופן "פאר די קינדער איז דא אייס קרים און פאר די טאטעס קאמפאט".

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינע פון זיינע קליינע קינדער "זעסט מיר האבן גוטע זאכן ווייל מיר זענען אידן, וואס עסן די גוים? זיי עסן באג"ס און ווערים". דער ראש ישיבה האט אים פארציילט אז ער האט אמאל געזען ווי א גוי הרג'עט א פליג און עסט דאס אויף.

נאכדעם האט מען געבענטשט און נאכן בענטשן האט מען געטאנצן און געענדיגט די סעודה זייער פריילִיך. עס איז געווען נאך שיינע שמועסן ביי די סעודה אבער דאס איז וואס איך געדענק יעצט איבער צו זאגן.

א גרויסע יישר כח פארן איבער געבן אזוי שיין די זכרונות פון די שיינע סעודה,

און שכח אייבישטער פאר דעם שיינעם יו"ט! שישי ושמחו בשמחת התורה.

# פאר די ברסלב'ע שטוב



## קוק איר אויפפירונג
מרת ווייס

**גרייט אים אן**
ג. פעקעטע

**Mike's Chicken Recipe**
S. Rabinowitz

# ווארעמע ברעסטן



***אין קורצן פון פריער: בתי' – קינד פון ר' יודא לייב ווזוגתו בילא מייזליק ז"ל איז געבוירן אויף דער עלטער. ווען בתי' איז געווען כמעט דריי יאר אלט י"ז אלול תרצ"ט האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט קריג. די יונגע בתי'לע מיט די טאטע מאמע זענען געבליבן לעבן.***

***און יעצט לייענט ווייטער:***

אין די ארימקייט פון רוסלאנד איז נייע שיך געווען א יקר המציאות. טאטע, מאמע און קינדער פלעגן צומאל אנטון די זעלבע שיך. ווי בתי' דערציילט אין אירע זכרונות אז פארטאגס פלעגט דער טאטע גיין דערמיט, דערנאך האט ער זיך אהיימגעיאגט און בתי' האט דאס אנגעטון צו גיין אין שולע. דערנאך האט בתי' זיך אהיימגעיאגט כדי די מאמע זאל עס קענען אנטון צו גיין דערמיט אין מארק.

ווען בתי' האט ענדליך אנגעהויבן ארבעטן און זי האט באקומען איר ערשטע געהאלט האט איר די מאמע געפרעגט וואס זי וויל קויפן מיט די געלט, צו זי וויל קויפן נייע אייגענע שיך אדער אפשר זאל מען קויפן צוגעהער פאר פסח? בתי' האט נישט געטראכט קיין צוויי נאר גלייך געזאגט אז אויף שיך קען זיווארטן נאך א יאר, איז דאך זיכער אז מען זאל נוצן די געלט וואס מען האט געדארפט פאר שיך פאר די הייליגע און פרייליכע יום טוב פסח.

ר' יהודה לייב פלעגט פירן א סדר מיט פיל אורחים, ער האט קיינמאל נישט אפגעזאגט קיין געסט. צומאל פלעגט זיך זיין ווייב וואונדערן מיט פחד אז אפשר זענען איינע פון די אורחים אונטערגעשטעלט פון די קעי. זשי. בי. אבער ר' יהודה לייב פלעגט זאגן: "איך וועל קיינמאל נישט אפזאגן א איד'ס בקשה צו קומען צו אונזער סדר טיש און עסן די הייליגע מצה, די סדר נאכט איז א ליל שמורים און דער אייבערשטער באשיצט אונז."

אסאך געסט פלעגן דערציילן יארן שפעטער אז זיי זענען צוריקגעקומען צו אידישקייט א דאנק די סדרים

15

## ש. טראכטער

וואס זיי האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן ביי משפחת מייזליק.

...

ראש השנה האט געהאט איר אייגנארטיגע שווערקייט, וויאזוי וועט מען בלאזן שופר אן דעם וואס מען וועט ערוועקן חשד פון אומגעוואונטשענע מענטשן?

דערצו האט שוין בתי' מיט אירע עלטערן זיך געגרייט וואכן פריער, בתי' פלעגט זיך ארומדרייען מיט א שופר אין האנט שוין אפאר וואכן פאר ראש השנה און בלאזן דערמיט און זיך שפילן, זי האט עס געמאכט כאילו עס איז א שפילצייג וואס זי נוצט. אזוי זענען די שכנים פון בנין שוין געווען צוגעוואוינט צום "קול שופר" און דאס האט זיי נישט ערוועקט א חשד ראש השנה. אזוי ווען מען האט געבלאזן אום ראש השנה האט מען צעמישט "דעם שטן" (די שכנים)!

מען האט מסדר געווען אן אינטערערדישע מנין. די אידן זענען געקומען איינציגווייז אז מען זאל נישט באמערקן אז מען קומט זיך דא צוזאם. מען האט אנגעהויבן די פארכטיגע תפילות פון די ימים נוראים'דיגע דאווענען. ווי נאר אלע מענטשן זענען אנגעקומען צום מנין, איז בתי' ארויס און ארויפגעלייגט א שלאס פונדערויסן אזוי אז מען זאל מיינען אז קיינער איז נישט אין שטוב. דערנאך איז זי ארויס מיט א גרויסע שמייכל צו זייער הויף און צוזאמגערופן אלע שכנים. זי האט שוין געהאט אנגעגרייט פולע שטעקנס מיט וועלכע זי וועט בויען א גרויסע טורעם, און ווען עס איז געקומען די צייט פון שופר בלאזן האט זי געמאכט א שפיל אז די שטעקנס זאלן אראפפאלן און מאכן א גרויסע גערידער, אזוי איז פארשטומט געווארן די קול פון שופר!

...

א יונג בחור מיט'ן נאמען אלי' האט דערציילט פאר ר' יהודה לייב אז זייענדיג אין יונערווערסיטי האט ער במסירת נפש זיך באהאלטן יעדן טאג צו לייגן די הייליגע תפילין. איין טאג ווען ער איז געזעצן פארשטעקט אין צימער, באהאלטן מיט זיינע תפילין, האט זיך די טיר פלוצלינג געעפנט און עס איז אריינגעקומען זיין חבר אין צימער. זעענדיג אלי' ארומגעבינדן מיט בענדלעך און קעסטלעך איז ער געווארן זייער דערשראקן "וואס גייט פאר מיט דיר? וואס טוסטו דא?"

אלי' האט געזען אז ער האט סעקונדעס צו ענטפערן עפעס און ער דארף זיך ראטעווען דאס לעבן, ער האט אראפגעשלינגען זיין שרעק און זיך אנגערופן מיט א מורא'דיגע געלאסנקייט, "דאס איז א רפואה וואס מיין באבע האט אונז איבערגעלאזט בירושה, דאס איז ספעציעלע בענדלעך וואס העלפן פאר רוקן ווייטאג און ביין ווייטאג, עס ארבעט וואונדערליך, די לעצטע פאר טעג האב איך שטארקע ווייטאג אין ארעם און אויף די שטערן, דעריבער לייג איך עס."

דער גוי האט אפגעקויפט זיין געשיכטע..

עטליכע טעג שפעטער קומט דער גוי צו אלי' מיט א בקשה אז לעצטנס שפירט ער שטארקע ווייען און ער וויל פרובירן די באבע'ס רפואה... בלית ברירה האט אלי' אים געגעבן צו פרובירן די רפואה און וואונדער איבער וואונדער... זיין ווייטאג איז אוועקגעגאנגען.

ר' יהודה לייב האט נישט מוותר געווען אויף קיין איין הלכה. אויף די טיר פון זייער הויז האט ער אריינגעבויעט א מזוזה און עס דערנאך פארדעקט אז מען זאל עס נישט דערקענען. איין טאג ווען בתי' איז אריבער די שוועל און נאטורליך אויסגעשטרעקט איר האנט צו קישן די מזוזה, האט איר א גוי'שע חבר'טע געפרעגט וואס זי האט יעצט געטון, בתי' האט געשמייכלט זייער רואיג און איר מסביר געווען אז איר טאטע האט דא געלייגט א "טעמפעראטור מעסטער" און זי וויל זען די גראַד פון איר קערפער אויב זי האט נישט קיין פיבער!

...

נאך וואס די צווייטע וועלט מלחמה איז געקומען צו א סוף דערנאך האבן זיי זיך געדארפט צוריק מסדר זיין אין קיעוו, שאפן פרנסה און נאך.

אבער די שווערסטע נסיון איז געווען פאר זיי "שולע". בתי' איז אונטערגעוואקסן, און לויט די געזעץ האט זי שוין געמוזט אנהייבן צו גיין אין שולע. דאס איז געווען זייער א שווערע זאך פאר פרומע אידן אין די קאמיוניסטישע רוסלאנד, וויל די סקול סיסטעם איז געווען אויסגעשטעלט אויסצורייסן יעדעס פינטל איד.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*



# Mike's Chicken

BY: S. RABINOWITZ

## INGREDIENTS:

- FAMILY PACK CHICKEN NUGGETS/ STRIPES/ CUTLETS
- HALF CUP ORANGE JUICE.
- HALF CUP TERIYAKI SAUCE.
- 2 CUPS FLOUR.
- 3 FROZEN GARLIC CLOVES
- TBSP BAKING POWDER.
- 2 TEASPOONS PAPRIKA.
- 1 TEASPOON SALT.
- FROSTED FLAKES CEREAL
- OIL FOR FRYING.

NOTE: YOU CAN START WITH 1 CUP OF FLOUR AND ADJUST AS NEEDED. TEXTURE SHOULD BE EXTREMELY HEAVY. BATTER NOT RUNNY.

## DIRECTIONS:

- MARINATE THE CHICKEN IN A ZIPLOC BAG WITH THE TERIYAKI SAUCE AND ORANGE JUICE FOR AT LEAST 1 HOUR OR MORE.
- TAKE THE CHICKEN OUT OF THE ZIPLOCK BAG AND PUT ON A PLATE.
- PUT THE REST INGREDIENTS (NOT THE FROSTED FLAKES CEREAL) IN THE ZIPLOCK BAG.
- MIX VERY VERY GOOD
- PUT THE CHICKEN BACK IN THE ZIPLOCK BAG AND MIX.
- CRUSH A LITTLE THE FROSTED FLAKES CEREAL AND PUT ON A PLATE.
- DIP THE CHICKEN IN FROSTED FLAKES CEREAL.
- FRY UNTIL GOLDEN.





ג. פעקעטע

# ערשטע הילף

## גרייט אים אן

ס'איז געווען איין יאר פאר מיר זענען אוועקגעפארן אין די קאנטרי פאר די זומער חדשים. ס'איז א גאנצע פרשה פאר זיך, אראפצולייגן די פראסעס פון זיך ארויסלאזן אין די קאנטרי פאר א זומער. איי איי דע קאנטרי'...

מען דארף פאקן די גאנצע הויז אין בלויז אפאר אייער באקסעס, כדי צו האבן אלעס וואס ס'קען זיך נאר אויספעלן במשך די נעקסטע אכט- צען וואכן. טראכט אויב א קינד דארף האבן מעדעצין, בוטס ווען ס'רעגנט, א נאדל און פאדים פאר די זאכן וואס וועלן זיך צורייסן, שכח אייבערשטער פאר געזונטע קינדער וואס טאנצן און שפרינגען. רונדעכיגע אויפגעבלאזענע, קאלערפול טובס צו שווימען אין די פול.

אז מען רעדט שוין טאקע פון די פול, האב איך זיך דערמאנט אפאר וואכן איידער מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויף די בערג, אז א פול איז גאנץ א געשמאקע פלאץ צו פארוויילן די טאג במשך די היציגע זומער טעג. איך האב זיך דערמאנט פון אלע יארן אלס מיידל, און אלס אינג ווייבל, ווען איך פלעג פארברענגען לאנגע שעות ביי די פול, זיך אפגעקילט פון די בראטעלע, הייסע זון שטראלן, און אזוי הנאה געהאט במשך די זומער.

יעצט אבער איז מיר אריינגעקומען אין מח גאר אן אנדערע בילד. איך פאר אין קאנטרי מיט מיין אייגענע משפחה, קליינע קינדער, ווי אזוי מאכט מען עס אין די פול, וועלכע געצייג וועל איך דארפן איינפאקן, צו קענען הנאה האבן און פארברענגען? צו ווילן ביי די פול אזוי ווי איך פלעג הנאה האבן

אין די פארגאנגענע יארן, אבער עס זאל אויך זיין א מציאות'דיגע זאך פאר מיר צו קענען טון, צוזאמען מיט מיינע קלענערע קינדער.

שווים וועש, דאס איז פארשטענדליך. סאנסקרין זיך צו באשיצן פון די שעדליכע שטראלן, דאס איז ארויף אויף מיין ליסטע צו קויפן אין די פארמעסי. דאן האב איך צוגעשריבן די פונקטליכע מיני טובס פאר יעדע קינד, לויט זיין יארגאנג, וואס זאל זיי האלטן פארזיכערט אין די פול, און זיי ארויסהעלפן שווימען אדער סתם אזוי פארברענגען אין די קילע וואסער.

מען האט געדארפט איינקויפן איבריגע האנטוכער, אפאר בענקלעך מיטשלעפן צו האבן וואו אראפצולייגן די פיל געציייג וואס איך פאק מיר מיט, און אויך די קינדער זאלן זיך אביסל אפרוען אין די צייט, בשעת איך כאפ מיין שווים.

ס'כאפט מיר אן א ציטער! וואס וועט זיין אויב איינע פון די קינדער וועלן זיך אויפשטעלן פון בענקל און וועלן ארום וואקן אין די געגנט פון די ארומגענומענע פול? אדער - האט מיין הארץ אנגעהויבן קלאפן שווערער - וואס וועט זיין אויב ח"ו איינע פון די קינדער וועלן צוגיין צו די פול און אליינס פראבירן ארייננצוגיין ביי די טיפע וואסער? ס'האט מיר ארומגענומען א גרויסע פאניק. כ'האב געקלערט צו זיך, וואס קען איך טון צו אפהיטן די שרעקליכע זאך וואס איז מיר יעצט ארייגעקומען אין מחשבה?

כ'האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיין א זומער וואס מען פארברענגט געשמאק און איינגענעם, אבער עס זאל אויך זיין זייער אפגעהיטן, און ס'זאל נישט ארויסקומען קיין שום שטרויכלונגען - מכשולות אדער סכנות.

דאן האב איך געמאכט א סעיפטי פלען: איך האב אנגעהויבן פלאנען ווי אזוי אויסצולערנען פאר מיינע קינדער די שעדליכקייט פון אריינגיין אין א פול אן א עלטערנ'ס אויפזיכט. יעדן טאג האב איך מסביר געווען פאר מיינע קינדער, אז ווען מען גייט פארן אין קאנטרי, גייט זיין דארט א פלאץ וואס איז ארומגענומען מיט א צוים, און דארט אינעוויייניג איז דא א פול. די קלענערע קינדער - פארשטייט זיך - האבן נישט געקענט משיג זיין וואס א פול איז, ווייל זיי זענען נאך קיינמאל נישט געווען דארט. איך האב זיי אבער מסביר געווען, אז ס'איז אזוי ווי א גרויסע וואנע, וואס די קינדער זענען מער באקאנט מיט

**אז דו ווייסט**
**זיי זאגן אז**
**ס'איז א סכנה,**
**האסטו זיי נישט**
**אויפגעקלערט,**
**דו האסט זיי**
**אפגעהיטן!!**

זייער באד. איך האב זיי געוויזן ביים באדן, אז אזוי ווי אין די וואנע קען מען נישט זיין אליין אן אויפזיכט, איז זיכער אז אין א פול איז א גרעסערע סכנה צו גיין אליינס.

איך האב זיי מסביר געווען אז עפענען די טיר אריינצוגיין אין די פול איז א סכנה. ווען מען איז שוין אין די מחיצה פון די פול, דארף מען בלייבן ביי די ארומיגע בענקלעך, וואו די מאמע הייסט שטיין. כ'האב זיי אויך מסביר געווען אז ביי די אנהייב פון די פול איז געווענליך די וואסער קלענער, אבער ס'ווערט זייער שנעל טיף, וועגן דעם איז א גרויסע סכנה אפילו צו גיין נאנט צו די אנהייב טרעפ פון די פול, וואס טראץ וואס ס'הייבט זיך אן די וואסער איז נישט אזוי טיף, איז עס דאך א סכנה, ווייל ס'איז דאך די וועג אריין צו די סכנה.

יעדן טאג האב איך עס נאכאמאל איבערגע'חזר'ט מיט זיי אן פאניק, און אן שרעק. פשוט אראפגעלייגט די מציאות, און זיי באווארענט פון פאראויס, אז אזוי און אזוי גייט זיין, און מען דארף זיין זייער אפגעהיטן, אז מען זאל נישט אריינפאלן אין די סכנה. כ'האב נישט געוואוסט ווי וויט מיינע קינדער פארשטייען אדער נישט, אבער מיט אסאך תפילות, פאר א אפגעהיטענע זומער, און טון די בעסטע וואס איך קען אלס מאמע צוזוגרייטן מיינע קינדער, נישט צוקומען לידי סכנה, האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אין יענע גליקלעכע דאנערשטאג, צו די בערג.

***

"מאאאאממממייי - איז מיין קליינע, פיר יעריגע געקומען צו לויפן - קום קום".

איך האב זיך געטראפן אין א סווימינג פול פון ארבעט, אפענע, ליידיגע, און פולע באקסעס האבן מיר געשטערט פון אפילו קענען צוטרעטן צום טיר פון די פארכאטקעטע באנגעלאוי.

"קום, קום" - האט זי געשריגן היסטעריש.

איך בין אריבערגעקראכן די בערג, ארויסגעטרעטן אין די פארנאכטס לופט. "שנעל, שנעל" איילט זי מיר צו. איך האב אנגעהויבן גיין מיט שנעלע פיסטריט, און זי הייבט אן פארציילן, "מאמי - מיט קוים א אטעם זאגט זי ארויס - מיר האבן געטראפן די זאך - וואס דו האסט אונז מסביר געווען - וואס ס'רופט זיך פול, כ'האב געזען - שרייט זי היסטעריש - אז א קינד איז אליין אריינגעגאנגען אונטער די מחיצה!!!" יעצט האב איך שוין אנגעהויבן לויפן.

"און, און" - זאגט זי מיט א פארוויייטאגטע שטימע, בשעת'ן לויפן האב איך נישט געקענט וויטער הערן, וואס זי פראבירט מיר צו זאגן.

איך בין אנגעקומען צו די געגענט פון די פול, און געזען אז ס'איז וואר אירע ווערטער. די טיר איז געווען ברייט אפן, איך לויף אריין מיט איין בהלה, און איך זע ווי א קליין קינד, אפשר דריי און א האלב יאר אלט, האלט זיינע פינגערס איינגעטינקען אין די וואסער, ביי די צען פיס זייט.

מיין אטעם האט זיך אפגעשטעלט, "וואטש" - האב איך א שריי געטון, "רוק זיך נישט" - האב איך געשריגן צום קינד. איך בין אהינגעלאפן און אויפגעהויבן דאס קינד, און זיך אראפגעזעצט אויף די ערד שוואך, אן א אטעם.

מיין טאכטער האלט נאך אינמיטן רעדן: "מאמי, דו האסט מיר געזאגט פאר די זומער, אז מען טאר נישט אליין אריינגיין אין די פלאץ, בין איך נישט אריין, אבער איך האב געזען דאס קליינע קינד איז אריין, און דו האסט מיר אויסגעלערנט אז א פול איז א סכנה, און מען טאר נישט אליין גיין, בין איך דיר שנעל געקומען רופן.

***

לאמיר צוגרייטן אונזערע קינדער, פאר זיי טרעפן זיך אין א סכנה. ס'איז אזוי פשוט, אבער ס'איז אזוי וויכטיג. רעד צו דיינע קינדער, לערן זיי אויס די ריכטיגע וועג אין לעבן, געב זיי די ידיעה צו וויסן ווען זיי טרעפן זיך אין א מקום סכנה, זיי זאלן זיך היטן פון דעם, זיי זאלן נישט אריינפאלן אין דעם, און ח"ו דערטרינקען ווערן פון שלעכטע זאכן. לערן זיי אויס זיך צו היטן פון מענטשן וואס ווילן זיי רופן אין די זייט, אין א ווינקל.

פארוואס זאלסטו נישט ראטעווען די לעבן פון דיינע אייגענע קינדער?? רעדט צו זיי פאר ס'איז צו שפעט. דיינע קינדער זענען געפארן אין קעמפ? אין א מזל'דיגע שעה! גרייט זיי אן זיי זאלן זיך נישט דערטרונקען. לערן זיי אויס די ריכטיגע וועג צו שפילן מיט זייער חבר'טעס און חברים. מען פארברענגט געשמאק, מען שפילט ספאורטס, אבער ביז די גוף. "זאג פאר דיינע קינדער קלארע ווערטער"- זאגט אלס דער ראש ישיבה שליט"א - "קיינער קען נישט אנכאפן דיין גוף, מען קען זיך נישט שפילן מיט די אייגענע קערפער, און נישט מיט א צווייטנס". און אויב איינער קומט צו צו דיר, און הייבט אן טון עפעס וואס שמעקט נישט ריכטיג, אנטלויף, שריי, און גיי פארצייל עס פאר אן ערוואקסענער, זיי זאלן דיר קענען ראטעווען פון די סכנה.

זאג פאר דיינע קינדער "ס'איז נישט גוט צו קוקן אין א טעלעפאון, ס'איז נישט גוט צו קוקן מאוויס, מען דארף זיין אפגעהיטן וואס מען ליינט, און וואס מען הערט".

נאכדעם וואס א קינד האט שוין געהערט, אדער אריינגערופן פרעגן זיינע שאלות פון א נישט ריכטיגע פלאץ, איז זייער שווער ארויסצוראטעווען דאס קינד פון די סכנה. זיי proactive (פרא-אקטיוו) - גרייט זיי אן פאראויס. אז דו וועסט זיי זאגן אז ס'איז א סכנה, האסטו זיי נישט אויפגעקלערט, דו האסט זיי אפגעהיטן!! צוריק צו דרייען די זייגער איז זייער שווער.

א דריי און א האלב יעריגע קינד, אן דעם וואס איינער זאל אים האבן פאראויס געזאגט אז א פול איז א מקום סכנה, פארוואס זאל ער נישט אהין גיין און פלאטשקענען אין די געשמאקע קילע וואסער??!! אפילו פאר קליינע קינדער קען מען לערנען זיך צו היטן פון א סכנה.

וויבאלד מיין טאכטער אבער איז יא געווען באווארנט פון די סכנה פון א טיפע פול, האט זי געוואוסט צו קומען שנעל רופן הילף, וואס האט געראטעוועט א קינד'ס לעבן.

שיק ארויס דיין טייערע אוצרות באגלייט מיט א first aid kit - און אונטערגעמורמעלט מיט תפילה - "באשעפער היט אפ אלע אידישע קינדער פון סכנות - בגשמיות וברוחניות".

# קוק איר אויפפירונג

ר. ל. ווייס

איך וויל שוין אריין,
איך שטיי שוין ביים טיר,
אבער איך בין געבליבן שטיין,
ווייל איך זע אויף איר,
א מאדנע אינטערעסאנטע זאך.

איז דאס בכלל שיין,
אז מען זעט איר יעדע ריר?
דאס קליידל איז אויף איר אזוי קליין,
דאס איז וואס איך שפיר,
מיט די הענט אויף איר איך מאך...

איך טו קוועלן,
ווען יענער טוט מיר געפעלן,

איך טו מיר ווייטער גיין,
איך טראכט: וואס איז די מעשה מיט דיר,
אפשר זע שוין איין,
אז דו ביסט יעצט אויף א שפאציר,
דו האסט דאך געגעבן אזא הויכע לאך?...

איך קריל ווייטער מיט די ציין,
און אויף יעדעם איך פארפיר,
פארוואס דער איז נישט פיין,
און יעדער האט קינדער פיר,
אבער "איך" בין די בעסטע שטיקל שאך...

איך טו קוועלן,
ווען יענער טוט מיר געפעלן.

אבער דערנאך טרעף איך מיר אליין,
און איך טראכט צו מיר,
אויף יעדעם טוסטו ברוגז זיין,
וויפל איז די שיעור,
ווען וועל איך אראפקומען פון דאר?

הייליגער באשעפער איך וויין,
פארוואס ביי יענעם איך שפיאניר,
ווען מיינע מידות איז נאכנישט ריין,
און איך דארף נאך זויבערן מיינע געשיר?
אויף דעם וויל איך זיך האלטן וואך!
אייבערשטער טו שוין קוועלן,
איך וויל נאר דיר געפעלן!!



קינדער

# בלעטל

ווֹאס ווֹעט זיין ווען משיח ווֹעט קומען?

דעם רבינ'ס חדר






# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן דִי גְרָאז

קִינְדֶערְלֶעךְ, וֶוער וִויל קוּמֶען מִיט טַאטֶע אַבִּיסְל אִין פֶּעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן הוֹיעֶךְ: "אִ אִ אִ אִ אִ אִ י ךְ ךְ ךְ ךְ ךְ !!!"

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶּעלְד אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי: טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה:

"וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען קֵיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אֵיינְמָאל זוּמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה זִי זָאל רוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעזָאגְט: 'וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, זֵיי ווִילְן גָארְנִישְׁט, זֵיי עֶרְוַוארְטְן גָארְנִישְׁט, זֵיי ווִילְן נָאר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי'"

דֶער טַאטֶע זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען אַ נִיגוּן, לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן", אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: "שְׁכֹּחַ, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט צוּם הִימְל אוּן מֶען זִינְגְט וַוייטֶער: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיר מִיר", אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר!"



אַהַהַהַ, ווִי גֶעשְׁמַאק!

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "אביסל איז אויך גוט".

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט : עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס האבן מחלות, זייליידן נאר ווייל זיי האבן נישט קיין**

א. חיזוק
ב. אמונה
ג. צדיק
ד. תפלה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן: שבת דארף מען זיין נאר פרייליך!

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט א קאפ מיט א בארד, ביינאכט, נישט צופריי?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה - חלק ראשון

**נד. מֵרוּחַ פִּיו שֶׁל הַשַּׁקְרָן נַעֲשָׂה יֵצֶר הָרָע, וּכְשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ אֲזַי לֹא יִהְיֶה שֶׁקֶר, בִּשְׁבִיל זֶה לֹא יִהְיֶה יֵצֶר הָרָע בָּעוֹלָם.**

דֶער יֵצֶר הָרָע וֶוערְט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ דִי לוּפְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם מוֹיל פוּן אַ לִיגְנֶער; אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין לִיגְנְט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין יֵצֶר הָרָע אוֹיף דִי וֶועלְט.

# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה שניטצלער - כתה ב' - קרית ברסלב**



# מענטשערליך

ווער הָאט אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְגֶערוֹימְט דִי שְׁפִּיל צִימֶער?" הָאט טַאטִי גֶעפְרֶעגְט וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען. "הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעזֶען אַלֶע לֶעגָא אוֹיף דִי עֶרְד, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ עֶס שֵׁיין מְסוּדָר אִין דִי שַׁאפֶע"?

"אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן" - הָאט חַנִי גֶעעֶנְטְפֶערְט - "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן דִי קֶעסְטְל פוּן 1000 לֶעגָאס, הָאבּ אִיךְ עֶס שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַז מַאמִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן".

"אַזַא נַחַת, חַנִי, הָאסְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט 1000 מִצְוֹת פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן דוּ הָאסְט מִיר דֶערְמַאנְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, פוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע.

***

"בֶּעטְס פַאר מַיין טַרְפוֹן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה" - הָאט דִי מַאמֶע פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רֶבִּי טַרְפוֹן גֶעבֶּעטְן פוּן דִי חֲכָמִים, וָואס זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן.

"בֶּעטְס פַאר אִים, וַוייל עֶר פִירְט זִיךְ צוּ מִיר מִיט מֶער כָּבוֹד וִוי מֶען דַארְף, עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד!" הָאט זִי צוּגֶעלֵייגְט.

"וִויאַזוֹי אִיז עֶר אַייךְ מְכַבֵּד?" הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט.

"שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן - הָאט רֶבִּי טַרְפוֹן'ס עֶלְטֶערֶע מַאמֶע דֶערְצֵיילְט - אוּן מַיין שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן.

שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן דִי שִׁיךְ, אוּן דִי וֶועג



בילדער ח. שטיינבערג



***

"חַנִי אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף" – הָאט מַאמִי גֶערוּפְן.

חַנִי אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זִי וִויל אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אוּן מְכַבֵּד זַיין אִיר טַאטֶע אוּן מַאמֶע, וַוייל אֲפִילוּ זִי הֶעלְפְט אַזוֹי פִיל וֵוייסְט זִי יֶעצְט אַז זִי אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ וִויפִיל דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מְכַבֵּד זַיין.

צוּרִיק צוּם הוֹיז אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁטֵיינֶער אוּן שְׁמוּץ. אִיז מַיין זוּן רֶבִּי טַרְפוֹן צוּגֶעלָאפְן צוּ מִיר, אוּן אוּנְטֶערְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוּנְטֶער מַיין פִיס, כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין בַּאקְוֶועם בִּיז מַיין הוֹיז.

אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִיךְ גֶעוָואלְט אָפְּרוּעֶן אִין בֶּעט, הָאט זִיךְ רֶבִּי טַרְפוֹן אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן וִוי אַ נִידְרִיגֶע בֶּענְקְל, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין רוּקְן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ מַיין הוֹיכֶע בֶּעט".



דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ עֶר וָואלְט דָאס גֶעטוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל, וָואלְט עֶר נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַאלְבּ פוּן וִויפִיל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע.

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


משפחת יאקאבאוויטש


יואליש און עמרם ראטה


שמעון לאנדא


משפחת יאקאבאוויטש


מאיר מזרחי


משפחת יאקאבאוויטש


נעסי איינהארן


חיי לאנדא

בס"ד

צוליב די גרויסע נאכפראגע טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות מעגא פעקעדזש

א ריכטיגע
עונג שבת
פאר די גאנצע משפחה




גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

• עצתו אמונה • קרית ברסלב בלעטל • גליון היכל הקודש • גליון שיעורי חינוך

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:

**718-387-2691 *3**

אימעיל צו:

**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457269664

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מען מאכט איבער די ראודס אין שטעטל



מען טראגט אריבער די ווענדינג מאשין




די גלאז פאר די גרויסע שול טירן
פונעם נייעם ביהמ"ד אין שטעטל



א בליק אינעם שמש שטיבל

קרעדיט: שמעון פיש, אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, אברהם אייזנער








**פרייליכע חתונה פון החתן שמעון פיש ני"ו אין בארא פארק**












קביעת מזוזה ביי די נייע אפיסעס פון מו״ה יואל ראזענבערג הי״ו





שיעור דף גמרא אין גן עדן התחתון



געטרייע גבאים ביים ארומגיין נאך געלט



קרית יואל חדר אויף א טריפ צום פארם



נייע שיפמענט פון באקוועמע בענקלעך



די זומער מהפכה האט זיך אנגעהויבן מיטן גאנצן קראפט



דער ראש ישיבה שליט״א ביים פארטיילן ספר איש אמונות תש״פ פאר די נדבנים פונעם ספר



הפצה אויף די בערג



מ׳לערנט פלייסיג אין היכל דוד



הערליכע עמוד ביים בית המדרש אין בית שמש רמה ד



דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל דוד

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™



# Viruses are going around.

# So is the doctor's office.



TRAINED MEDICAL MOBILE CARE TMMC

**718.208.2030**

Medease
CARE AT HOME

STREP CULTURES | FLU, COVID & RSV TESTING | FULL RESPIRATORY PANEL | EAR CHECKS
URINE CULTURES | BLOODWORK | RASHES & PINK EYE | SEASONAL ALLERGIES




# קלאסיפיידס

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה מרדכי איידליס הי"ו**
**וזוגתו בלומא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל בגשמיות וברוחניות.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה וואלוי זעלקאוויטש הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל בגשמיות וברוחניות.




מ'קען באקומען 10% הנחה אויף די עלעקטריק בילל
א שאד אידיש געלט
רופט היינט אברהם דאנציגער
914-229-2477
5872592@gmail.com

B"H


Shop easily




shop.breslevcenter.com

IDEA. 845776664